*בעשלאסען צו ענטזאגען דעם פערלאנג פון לאקאל* 9 אין בעצוג די פראגע פון דעם דזשענעראל סטרייק אין דער וויסט טרייד. די ענטזאגונג ווערט געמאכט אויף דעם גרונד: דאס קיין לאקאלע יוניאן האט ניט קיין רעכט צו דיקטירען דער ד. ע. ב. צי זי זאל אדער צי זי זאל ניט גוטהייסען א סטרייק אין א געוויסער טרייד. וועגען די פראגע פון פראפארציאנעלע פערטרעטונג צום נעכסטען קאנווענשאן, איז פרעזידענט ראזענבערג, סעקרעטער דייטש און וויס־פרעזידענט אמדור בעשטימט געווארען אלס קאמיטע, צו בעטראכטען דעם פריהער־דערמאנטען פונקט פון אונזער קאנסטיטושאן, און אויב זיי וועלען געפינען פאר ראטהזאם, זאלען זיי פארלעגען צו בעשטימען די ענדערונג דורך א רעפערענדום וואוט.

אין בעצוג צו לאקאל 11, איז די רעכט פון האנדלונג איבערגעגעבען געווארען צו פרעזידענט ראזענבערג. וועגען לאקאל 17 בעשטימט די דזש. ע. ב. ניט צו נעהמען קיין שטעלונג, ביז די ספעציעלע קאמיטע וואס איז געווארען בעאויפטראגט צו אונטערזוכען די פראגע וועט אריינשיקען איהר רעפארט. די אנדערע פערלאנגען פון לאקאל 9 ווערען איבערגעגעבען צו דזש. א. דייטש צו האנדלען, ווי ער וועט געפינען פאר ראטהזאם.

## אנשטעלונג פון קאמיטעס.

ברודער פרוזין פון לאקאל 10, א. גייער פון לאקאל 9, ט. שאנדלער פון לאק. 2, דזש. אבראמסקי פון לאקאל 32, ה. לובינסקי פון לאקאל 35 און א. האלפערין, טשערמאן פון דער ניו יארק דזשאינט באארד, זיינען אנגעשטעלט געווארען אלס א קאם. נאכצוזעהן די רעכנונגען אין בעצוג דעם קליוולאנדער סטרייק.

דער דזשענעראל סעקרעטער דייטש, וויס־פרעז. קליינמאן און וויטאשקין, זיינען בעשטימט געווארען אלס א קאמיטע צו בעטראכטען בר. עלשטיין'ס רעקאמענדאציאנען אין בעצוג דעם „ליידיעס גארמענט ווארקער".

## וויטערע קאמיטע בעריכטען.

וויס־פרעזידענט פאליאקאף בעריכטעט, דאס די דזשאינט קאמיטע פון לאקאל 10 און 25 האבען בעשטימט א סוב־קאמיטע, בעשטעהענד פון דזש. סעק. דייטש, א. בלאך און מיס דזשאזעפין קייסי, צו פערהאנדלען מיט מאנופעקטשורערס אין דעם וויסט טרייד, מיט דעם ציעל צו ברענגען א פערשטענדניס צווישען דער יוניאן און די באסעס.

דזש. סעק. דייטש בעריכטעט, דאס לויט זיין מיינונג ענטהאלט דער נייער אגרימענט פון לאקאל 25 מאנכע פונקטען מיט וועלכע די אינטערנעשאנאל קען ניט איינשטימען. ער ראטה, אז מען זאל זייער אגרימענט איבערזעהן און ענדערען. סעק. דייטש בעריכטעט ווייטער, דאס ער האט זיך געזעהן מיט די מעהר בעדייטענדע ארבייט־געבער פון וויסט טרייד, און דאס עס איז איהם געלונגען צו מאכען מאנכע ביטערע געגנער פון דער יוניאן, צו בעטראכטען די יוניאן פראגע אויף א בעסערען אופן, ער רעכענט, אז עס איז דא א מעגליכקייט צוזאמענצוברענגען די יוניאן און די באסעס פאר א סעטעלמענט.

אויף א פארשלאג ווערט בעשטימט א קאמיטע פון 5, איבערצוזעהן דעם אגרימענט פון לאקאל 25 און איהם ענדערען, ווען נויטיג.

## וועגען ארגאנייזערס.

פרעזידענט ראזענבערג בעריכטעט, דאס פאר די לעצטע דריי מאנאט האבען די פאלגענדע ארגאנייזערס געארבייט פיר דער אינטערנעשאנאל: מיס קייסי, טשארלס פראמער, דזש. ש. גרינבערגער, ש. פייעט און ה. דובינסקי. זיי זיינען געווען רעגעלע ארגאנייזערס פיר פערשיעדענע שטעדט. שאול על־

# דער דזשענעראַל עקזעקוטיװ באָארד מיטינג אין שיקאַגאָ

דער זעקסטער פיערטעל־יעהרליכער מיטינג פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיװ באָארד, איז אָבגעהאַלטען געװאָרען אין בריגס האָטעל, שיקאַגאָ, דען 24טען, 25טען און 26טען דעצעמבער, 1911.

אַנװעזענד זײנען געװען י. ש. פּיעט, ב. װױמאַשקין, ש. פּאָליאָקאָף, ה. קלײנמאַן, מ. אַמדור, ה. דובינסקי, און דזש. דײש. אַבװעזענד: דזש. ש. גרינבערגער, מ. הערצבאַך און מאַרי מאַרטין.

פּרעזידענט א. ראָזענבערג איז געװען פאָרזיצענדער.

## בעריכט פון קאָמיטעס.

קאָמיטעס װאָס זײנען געװען בעאױפטראַגט צו אונטערזוכען די אַפּעלאַציאָנען פון אײניגע מיטגליעדער געגען זײערע לאָקאַלע יוניאָנס בעריכטען, דאָס די יוניאָנס זײנען געװען בערעכטיגט אין זײער האַנדלונג. דיעזע ענטשײדונגען נעהמען אַרײן די אַפּעלאַציאָנען פון בר. דײװױס געגען לאָקאַל 17 פיר'ן אױסשליסען איהם פון דער יוניאָן; די אַפּעלאַציאָן פון בר. ליעבמאַן געגען לאָקאַל 10 פיר'ן רעכענען איהם 25 דאָלאַר פיר װיעדער אַרײנטרעטען אין דער יוניאָן; די אַפּעלאַציאָן פון בר. ל. ר. קלאַץ געגען לאָקאַל 10, פיר'ן בעשטראָפען איהם מיט 25 דאָלאַר.

## צושריפטען און קאָמיטעס פון לאָקאַלס.

אַ צושריפט איז געװאָרען פאָרגעלעזען פון לאָקאַל 68, אין װעלכען דער לאָקאַל פּראָטעסטירט געגען דער דזשאָינט באָארד פון דער ניו יאָרק קלאָוק־טרײד, געגען דעם װאָס די דזשאָינט באָארד ענטזאָגט אַרײנצונעהמען דעם לאָקאַל אין איהר מיטע. פּרעזידענט ראָזענבערג און װיס־פּרעזידענט װױמאַשקין װערען בעשטימט אַלס קאָמיטע, נאָכצופרעגען די אורזאַכען פאַר דער דזשאָינט באָארד'ס האַנדלונג.

אַ פערלאַנג איז געװאָרען צוגעשיקט צו דער דזש. עקזעק. באָארד, דאָס זי זאָל צוריקציהען דעם טשאַרטער פון לאָקאַל 11. פּרעזידענט ראָזענבערג איז געװאָרען אינסטרואירט נאָכצוזוכען די אַנגעלעגענהײטען פון דעם לאָקאַל און די אױפפיהרונג פון די מעמבערס, און בעריכטען װעגען דעם צום נעכסטען דזש. עקזעק. באָארד מיטינג.

די ברידער האָפמאַן, שײפער און פינקלער, אַ קאָמיטע פון דער שיקאַגאָ דזשאָינט באָארד, איז פאָרגעקומען און געגעבען אַן איבערבליק איבער דעם קלאָוק־טרײד אין שיקאַגאָ. די קאָמיטע פערלאַנגט פון דער דזש. עקזעק. באָארד אַז זי זאָל זײ העלפען צו אָרגאַניזירען דעם טרײד און זײ אױך געבען אַ געװיסע סומע געלד פיר אָרגאַניזאַציאָנס־צװעקען.

אַ צושריפט איז געװאָרען פאָרגעלעזען פון די שיקאַגאָ לײדיעס טײלאָרס יוניאָן לאָקאַל 71. אין דיעזען בריעף פערלאַנגט דער לאָקאַל: ערשטענס, אַז די דזש. עקזעק. באָארד זאָל אַנשטעלען אַ בעשטענדיגען אָרגאַנײזער פאַר דער שטאָדט, אום צו אָרגאַניזירען דעם לײדיעס גאַרמענט טרײד; צװײטענס, דאָס די דזש. עקזעק. באָארד זאָל געברויכען איהר אײנפלוס מיט דער „אינדעפּענדענט לײדיעס טײלאָרס יוניאָן", אַז דיעזע קערפּערשאַפט זאָל זיך אַנשליסען אָן דער אינטערנײשאָנאַל; דריטענס, דאָס די דזש. עקזעק. באָארד זאָל אױסאַרבײטען אַ פּלאַן דורך װעלכען די נעכסטע קאָנװענשאָן זאָל קענען אַרײנברענגען אַ סיסטעם דאָס די אינטערנײשאָנאַל זאָל קענען צאָהלען סטרײק בענעפיטס.

בר. טיגער, פון דער „אינד. לײד. טײל. יונ.", איז אױף דער אײנלאַדונג פון דער דזש. עקזעק. באָארד געקומען צום מיטינג און האָט האַלב אָפיציעל ערקלעהרט, דאָס זײן יוניאָן האַלט זיך צוריק פון אַנשליסען זיך אָן דער אינטערנײשאָנאַל לײדיעס גאַרמענט װאָרקערס יוניאָן, צוליעב דעם פעקט, דאָס די א. ל. ג. װ. י. איז אָנגעשלאָסען צו דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָװ לײבאָר. בר. טיגער ערקלעהרט, דאָס לויט זײן מײנונג, קען מען די מיטגליעדער פון זײן יוניאָן ערקלעהרען דאָס זײ דאַרפען זיך פאַרט אָנשליסען צו אונזער אינטערנײשאָנאַל, און דאָס מיר זאָלען די אַרבײטער ערקלעהרען אונזער מײנונג. בר. טיגער זאָגט װײטער, דאָס זײן יוניאָן, צוזאַמען מיט דער װאָמענס טרײד־יוניאָן ליעג, פּרובירען יעצט צו אָרגאַניזירען די פרויען דרעסמײקערס פון שיקאַגאָ. ער פערלאַנגט אַז די אינטערנײשאָנאַל זאָל דיעזע אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבײט פינאַנציעל אונטערשטיצען.

די ברידער גליקמאַן און גלאַזמאַן זײנען פאָרגעקומען פאַר דזש. ע. ב. אַלס אַ קאָמיטע פון דער דזשאָינט באָארד פון סט. לואיס און האָבען ערקלעהרט פאַר דער דזש. ע. ב. דעם צושטאַנד פון קלאָוק־טרײד אין דער שטאָדט. די סט. לואיס'ער קלאָוק־מאַנופעקטשורער האָבען זיך אָרגאַניזירט אין אַן אַסאָסיאײשאַן, מיט דעם צװעק צו צובּרעכען די קלאָוק און סקוירט מײקערס יוניאָן. מאַנכע מעמבערס פון די לאָקאַלס רעכענען דאַרום אַז מען זאָל אַגיטירען פאַר אַ דזשענעראַל סטרײק.

בריעף זײנען פאָרגעלעזען געװאָרען פון לאָקאַל 34 לײדיעס טײלאָרס, פילאַדעלפיאַ, פון לאָקאַל 30 לײדיעס טײלאָרס, אַלבאַני, נ. י., פון לאָקאַל 53 לײדיעס גאַרמענט קאַטערס, פילאַדעלפיאַ, לאָקאַל 22 לײדיעס טײלאָרס, ניו הײװען, פון דער דזשאָינט באָארד פון טאָראָנטאָ און פון לאָקאַל 20 רײנקאָוט מײקערס, ניו יאָרק. די אַלע דערמאָנטע לאָקאַלס האָבען פערלאַנגט אַז מען זאָל זײ העלפען צו אָרגאַניזירען דעם טרײד.

## בעשליסע װעגען די פערלאַנגען פון לאָקאַלס.

די דזש. עקזעק. באָארד, נאָכדעם װי דער אינהאַלט פון די בריעף איז דיסקוטירט געװאָרען, בעשליסט איבערצוגעבען צו פּרעזידענט ראָזענבערג צו האַנדלען, װי ער װעט געפינען פאַר מעגליך צו טהאָן.

עס װערט בעשלאָסען צו געבען צו לאָקאַל 2 קלאָוק און סקוירט מײקער, פילאַדעלפיאַ, אַלע נויטיגע שטיצע, אום זײ זאָלען קענען אָנפיהרען דעם סטרײק אין שלאַפינס שאָפּ, און דעם סטרײק געװינען.

עס װערט אױך בעשלאָסען צו געבען 200 דאָל. צו די סילק סוט און װײסט מײקערס יוניאָן לאָקאַל 53, פילאַדעלפיאַ, אום זײ זאָלען קענען אַרויסהעלפען זײערע מעמבערס װאָס זײנען געװאָרען אױסגעשלאָסען פון דער אַרבײט.

ברודער דזש. א. דײש װערט אינסטרואירט פאָהרען נאָך סײנט לואיס, אום צו האָבען אונטעררײדונגען מיט די דאָרטיגע קלאָוק מאַנופעקטשורערס, מיט דעם צװעק, צו קומען מיט זײ צו אַ פערשטענדניס.

די דזש. עקזעק. באָארד בעשטימט אָנצוזאָגען לאָקאַל 41, ראַפער און קימאָנאָ װאָרקערס, ניו יאָרק, דאָס די דזש. עקזעק. באָארד איז ניט אין דער לאַגע צו קענען אונטערנעהמען אַ דזשענעראַל סטרײק אין דעם טרײד.

מאַנכע פירמעס אין סינסינעטי האַלטען צום פערקויף לײדיעס גאַרמענטס, װאָס זײנען געמאַכט געװאָרען אין קליװולאַנד. מיר נעהמען דאַרום יעצט די געלעגענהײט אײך אָנצוזאָגען װאָס מיר בעצװעקען צו טהאָן אין דער אַנגעלעגענהײט.

„מיר בעצװעקען אָנצופאַנגען אַ סיסטעמאַטישען קאַמפײן געגען די אַרבײט װאָס װערט געמאַכט אין קליװולאַנד. איבערהױפּט געגען די קלאָוקס און סקוירטס, װאָס װערען געמאַכט בײ די פאָלגענדע פירמאַס: 

„ה. בלעק ענד קאָמפּאַני.

„די גרינהוט קלאָוק קאָמפּאַני.

„שװאַרץ, הױבסמאַן און פּאַרנעי.

„מ. ט. סילװער קאָמפּאַני.

„די לאַנדסמאַן הירשהײמער קאָמפּאַני און די אַרבײט װאָס טראָגען די לײבעלס „לאַ װאָונו“, „סטײל קראַפּט“, „װאָולטעקס“, „פּרינצעס“, „שונשײן“ און „קאָרעקט סקוירטס“.

„די גאַנצע פראַגע װעגען די קליװולאַנדער אַרבײט װעט אױפגענומען װערען בײ דער סענטראַל לײבאָר קאָונסיל פון שטאָדט, און אַלע לאָקאַלע יוניאָנס און פּריװאַט פּערזאָנען װאָס סימפּאַטיזירען מיט אָרגאַניזירטע אַרבײטער אין סינסינעטי און אומגעגענד, די אַלע װעלען בעקאַנט געמאַכט װערען מיט דעם פאַקט, װעלכע פירמאַ אין שטאָדט עס האַלט די קליװולאַנדער װאַארע, װאָס איז יעצט באָיקאָטירט צוליעב דעם סטרײק, װעלכען די לײדיעס גאַרמענט װאָרקערס פיהרען.

„ס'איז ניטאָ קײן אורזאַכע װאַרום די סטאָרס אין סינסינעטי זאָלען האַלטען די קליװולאַנדער קלײדער.

„איהר (סטאָרקיפּערס) מאַכט דאָך אײערע פּראָפיטען פון די לײטע װאָס װאױנען דאָ אין שטאָדט, דאַן װאַרום זאָלט איהר געהן נאָך קליװולאַנד קױפען װאַארע, װען דאָ אין שטאָדט גופא װערען לײדיעס גאַרמענטס געמאַכט אױף עהרליכערע בעדינגונגען?

„מיר גיבען אײך דאָ אַ ליסטע פון שטאָדטישע מאַנופעקטשורערס, װעלכע מאַכען גוטע קלײדער, און װעלכע בעשעפטיגען יוניאָן־אַרבײטער אױף אַנערקענטע װײדזשעס מיט װעלכע אַרבײטער קענען זיך דורכלעבען. די פעקטאָריס זײנען רײן און גוט, װי אָרגאַניזירטע אַרבײטער פאָדערען צו האָבען.

„מיר מײנען ניט מיט דעם צו פיהרען אײער געשעפט, נור אױב איהר גלױבט אין העלפען די, װעלכע העלפען אײך צו מאַכען פּראָפיטען, דאַן װעט איהר אַלײן פערשטעהן, אַז איהר דאַרפט אָנזאָגען אײערע קױפערס (בײערס), ניט צו קױפען קײן קליװולאַנד געמאַכטע אַרבײט ביז מיר װעלען אײך לאָזען װיסען װעגען דעם סעטעלמענט אין קליװולאַנד.

„דערװײל דאַרפט איהר אָנזאָגען אײערע אײנקױפערס (בײערס) צו האַנדלען מיט פירמאַס פון אײער שטאָדט, װעלכע בעשעפטיגען שטאָדטישע אַרבײטער.

„מיר האָפען אַז איהר װעט אױפנעהמען דיעזען סירקולאַר אין דעם זעלבען גײסט װי ער װערט צו אײך געשיקט.

„מיר פערבלײבען װאָהרהאַפטיג אײערע,

„די דזשאָינט באָארד פון לײדיעס גאַרמענט װאָרקערס אָװ סינסינעטי, א. ל. ג. װ. יוניאָן.“

* * *

דער סירקולאַר, װי ער איז אױבען געדרוקט, איז אַ דאָקומענט פון בעדײטענדער װיכטיגקײט. דער אינהאַלט איז דײטליך גענוג, און מיר האָפען אַז די לײדיעס גאַרמענט סטאָרס װעלען דאָס אין אַכט נעהמען. װאָס עס פאָדערט זיך יעצט איז, װירקליך זיך צו װענדען צום ברײטען עולם אַז ער, דער עולם, זאָל װיסען װאָס די אָרגאַניזירטע אַרבײטער פאָדערען.

* * *

פרײנד א. מאַראָװ פון באָפלאָ נ. י. שרײבט אונז אַ גרוס פון לאָק. 90 לײדיס טײלאָרס. פר. מאַראָװ בעקלאָגט זיך אױף דעם װאָס די ניו־יאָרקער לײדיס טײלאָרס און קלאָוקמײקערס, אױך די פון אַנדערע שטעדט, װאָס קומען אַריבער נאָך באָפלאָ זײנען זײעהר אָרימע יוניאָן־לײט. קומט צו רײד, דערצעהלען די אַריבערגעקומענע גאַנצע בערג מיט מעשיות װעגען זײערע העלדישקײטען, אָבער אין באָפלאָ זעהט מען דאָס פון זײ ניט אַרױס. פיעלע מאָל געהען זײ אַרום מאָנאַטען לאַנג אײדער זײ בעזוכען דעם מיטינג לאָקאַל.

די מיטגליעדער פון לאָקאַל 90 האָבען דורך דער צײט װאָס דער לאָקאַל עקזיסטירט בעדײטענד פערבעסערט זײער לאַגע, נור לײדער איז די פערבעסערונג פיעל קלענער װי מיר װאָלטען װירקליך געקענט פאַר דער צײט אױפטהאָן. די אורזאַכע װאַרום מיר מאַכען װעניגער פראָגרעס װי די אָרטיגע בעדינגונגען ערלױבען, איז דאָס דערפאַר װאָס די אײניגע מעמבערס האַלטען זיך ניט האַרמאָניש גענוג. לעצטענס האָט די אינטערנײשאָנאַל געהאַט געשיקט אַן אָרגאַנײזער נאָך באָפלאָ און זײן אַנװעזענהײט האָט בעדײטענד פערמעהרט די האַרמאָניע און די טהעטיגקײט פון די מעמבערס. צום נעקסטען סיזאָן ערװאַרטען זײ אַלזאָ צו מאַכען פּראָגרעס.

מעיאָר, וועלכער איז א געאַכטעטער מעמבער פון די פּלאָמבערס יוניאָן, אָבער די אַנדערע קאַנדידאַטען פאר מעיאָר האָבען זיי אפּלאָדירט און אויסגעהערט מיט דרך ארץ. זאָגאר האָגען, דער רעפּובליקאנער קאַנדידאַט, וועלכער האָט נעהאַט די פּאָליציי אונטער זיין האַנד אין דער צייט פון סטרייק, און האָט זיי ניט געשטערט אין זייער העלישער ארבייט פון בעדעקען די לייבער פון די מיידלעך מיט בלויע און ברוינע צייכענס — זאָגאר איהם האָבען זיי העפליך אויפגענומען, וועהרענד דעם טרייד־יוניאָניסטישען קאַנדידאַט האָבען זיי מכבד געווען מיט א געוואַלדיגע אויספּייפעריי.

„צוליעב דיזער האַנדלונג פון אונזערע סאָציאליסטישע מעמבערס האָבען די סטרייקערס פערלאָרען א היבשע סומע געלד־שטיצע. די גרעסטע לאָקאלס, וועלכע האָבען געהאַלטען פאר דעם טרייד־יוניאָניסטישען קאַנדידאַט, האָבען פון דאַן אָן אויפגעהערט צו געבען די סטרייקערס פינאַנציעלע שטיצע. דאָס אינטערעסאַנטעסטע פון דער זאַך איז, אז אָנשטאָט צו פערדאַמען די סאָציאליסטישע מעמבערס פאר זייער האַנדלונג, זיינען די דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע מעמבערס געגאַנגען צו זייערע יוניאָנס און האָבען געפּרופט זיי איבערצייגען, אז די אויספּייפערס האָבען ניט געמיינט דעם טרייד־יוניאָניסטישען קאַנדידאַט פּערזענליך צו בעליידיגען, נור זיי האָבען געמיינט, אז זיי טהוען די סטרייקערס דערמיט א טובה. מיט אַנדערע ווערטער: זיי האָבען זיך בעמיהט אויף די סאָציאליסטישע מעמבערס א זכות צו זוכען, כדי צו פערמיידען צאַנקעריי.

„און דאָ קום איך טאַקע צו דער ריכטיגער פראַגע. אוב מען האָט געדאַרפט אויף די סאָציאליסטישע מעמבערס א זכות זוכען, האָט מען פון שלום וועגען אויף אונזער דזשענעראל סעקרעטער אודאי געדאַרפט א זכות זוכען, ווייל אין וועמעס אינטערעסען האָט ער געהאַנדעלט, ווען ער האָט אונטערשטיצט דעם דעמאָקראַטישען קאַנדידאַט? קען יעמאַנד אָבלייקענען דעם פאַקט, אז די אינטערעסען פון די סטרייקערס האָבען איהם געצוואונגען צו האַנדלען אזוי, און ניט אַנדערש? ווען מיר זאָלען אורטהיילען די זאַך מיט'ן שכל הישר, וואָלטען מיר ניט געווען אזוי איבעראיילט יענעם צו פערדאַמען.

„עס געפינען זיך אין אונזער יוניאָן מענשען מיט אלערליי פּאָליטישע מיינונגען און אפילו ווען די סאָציאליסטען זאָלען זיין אין דער מאַיאָריטעט, ניט דאָס זיי נאָך אלץ קיין רעכט ניט איבער אַנדערע צו הערשען, אָדער זיי צו פערדאַמען, דערפאַר וואָס זיי דענקען און גלויבען אַנדערש".

די, וואָס שרייבט דיזע ציילען, דערמאָנט שטענדיג קאַרל מאַרקס' נאָמען מיט אכטונג און פערשטעהט גענוי זוי אָבצושעצען דעם גרויסען ווערטה פון זיין ארבייט פאר דער ארבייטער־קלאַסע. איך קען אָבער ניט זעהען וואָס פאר א מחותנים עס זיינען מיט דיזען גרויסען מאַן אָט יענע קליינליכע נשמות, וועלכע דענקען, אז זיי זיינען סאָציאליסטען, וועהרענד אין דער אמת'ען איז זייער פּלוידערישער אינסטינקט שטאַרקער ווי זייער אידעאליזם. ווען מען הערט דיזע קנאַקערס „האַקען אין טשייניק", קען מען מיינען, אז מיר זיינען אָרגאַניזירט מיט דעם איינציגען צוועק זיך צו פּאַטשען אין דער עפענטליכקייט. און מיט אזא טאַקטיק ערוואַרטען מיר נאָך צו קענען זיך פערטהיידיגען געגען אונגערעכטיגקייט?

לאָמיר וואָס גיכער מאַכען אַן ענדע פון דיזער טאַקטיק, וועלכע שוואַכט אָב אונזער אָרגאַניזאַציע. הייסט בעסער אייער פריינד, וועלכער האָט די טבע צו האַלטען אין איין פערדאַמען אַנדערע, צו פערווענדען זיין ענערגיע געגען די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע קעמפּפען געגען אונז מיט אַלע כחות. אָט שטעהען זיי און לאַכען ווי די טייוואָלים און קוועלען צוקוקענדיג, ווי מיר פּאַטשען זיך.

* * *

אין „אונזער וועלטעל" — אין אַן אַנדער פּלאַץ אין „ליידיעס גאַרמענט וואָרקער" — קען דער לעזער זעהן וועגען די ערפאָלגרייכע ארבייט פון דער קאָמיטע, וועלכע פאָהרט ארום צו ערקלערען דעם פּובליקום און די סטאָר־קיפּערס, ניט צו קויפען קיין קלאָוקס און סקוירטס וואָס קומען פון קליוולאַנד, אזוי לאַנג ווי די קליוולאַנדער קלאָוק מאַנופעקטשורערס ענטזאָגען זיך צו סעטלען זייערע צווייסטיגקייטען מיט דער יוניאָן.

אויך די דזשאָינט באָארד פון אונזערע לאָקאלס אין סינסינעטי, אָהייאָ, האָבען וועגען דעם ארויסגעגעבען א סירקולאַר צו אַלע סטאָרס, וואָס האַנדלען מיט ליידיעס גאַרמענטס, און די סטאָר־קיפּערס אויפמערקזאַם געמאַכט, וואָס די ארבייטער פון שטאָדט ערוואַרטען פון זיי.

דעם סירקולאַר איבערזעצען מיר דאָ וואָרט אין וואָרט.

„סינסינעטי, אָהייאָ, יאַנואַר 20טען, 1912.

„דזשענטלמען!

„מיר האָבען געקראָגען אויסקינפטע, דאָס

מאַנכע פירמעס אין סינסינעטי האַלטען צום פּערקויף לײדיעס גאַרמענטס, װאָס זײנען געמאַכט געװאָרען אין קליװלאַנד. מיר נעהמען דארום יעצט די געלעגענהײט אײך אַנצוזאַגען װאָס מיר בעצװעקען צו טהאָן אין דער אַנגעלעגענהײט.

„מיר בעצװעקען אַנצופאַנגען אַ סיסטעמאַטישען קאַמפּײן נעגען די ארבײט װאָס װערט געמאַכט אין קליװלאַנד. איבערהױפּט נעגען די קלאָוקס און סקוירטס, װאָס װערען געמאַכט בײ די פאָלגענדע פירמאַס :

„ה. בלעק ענד קאָמפּאַני.

„די גרינהוט קלאָוק קאָמפּאַני.

„שװאַרץ, הויבסמאַן און פּאַרנעי.

„מ. ט. סילװער קאָמפּאַני.

„די לאַנדסמאַן הירשהײמער קאָמפּאַני און די ארבײט װאָס טראָגען די לײבעלס „לאַ װאונו“, „סטײל קראַפּט“, „װאָולטעקס“, „פּרינצעס“, „שונשײן“ און „קאָרעקט סקוירטס“.

„די גאַנצע פראַגע װעגען די קליװלאַנדער ארבײט װעט אויפגענומען װערען בײ דער סענטראַל לײבאָר קאָונסיל פון שטאָדט, און אַלע לאָקאַלע יוניאָנס און פּריװאַט פּערזאָנען װאָס סימפּאַטיזירען מיט אָרגאַניזירטע ארבײטער אין סינסינעטי און אומגעגענד, די אַלע װעלען בעקאַנט געמאַכט װערען מיט דעם פאַקט, װעלכע פירמאַ אין שטאָדט עס האַלט די קליװלאַנדער װאַארע, װאָס איז יעצט באָיקאָטירט צוליעב דעם סטרײק, װעלכען די לײדיעס גאַרמענט װאָרקערס פיהרען.

„ס׳איז ניטאָ קײן אורזאַכע װאַרום די סטאָרס אין סינסינעטי זאָלען האַלטען די קליװלאַנדער קלײדער.

„איהר (סטאָרקיפּערס) מאַכט דאָך אײערע פּראָפּיטען פון די לײטע װאָס װאױנען דאָ אין שטאָדט, דאַן װאַרום זאָלט איהר געהן נאָך קליװלאַנד קױפען װאַארע, װען דאָ אין שטאָדט גופא װערען לײדיעס גאַרמענטס געמאַכט אויף עהרליכערע בעדינגונגען ?

„מיר גיבען אײך דאָ אַ ליסטע פון שטאָדטישע מאַנופעקטשורערס, װעלכע מאַכען גוטע קלײדער, און װעלכע בעשעפטיגען יוניאָן־ארבײטער אויף אנערקענטע װײדזשעס מיט װעלכע ארבײטער קענען זיך דורכלעבען. די פעקטאָרים זײנען רײן און גוט, װי אָרגאַניזירטע ארבײטער פאָדערען צו האָבען.

„מיר מײנען ניט מיט דעם צו פיהרען אײער געשעפט, נור אויב איהר גלויבט אין העלפען די, װעלכע העלפען אײך צו מאַכען פּראָפּיטען, דאַן װעט איהר אַלײן פערשטעהן, אַז איהר דאַרפט אָנזאָגען אײערע קױפערס (בײערס), ניט צו קױפען קײן קליװלאַנד געמאַכטע ארבײט ביז מיר װעלען אײך לאָזען װיסען װעגען דעם סעטעלמענט אין קליװלאַנד.

„דערװײל דאַרפט איהר אָנזאָגען אײערע אײנקױפערס (בײערס) צו האַנדלען מיט פירמאַס פון אײער שטאָדט, װעלכע בעשעפטיגען שטאָדטישע ארבײטער.

„מיר האָפען אַז איהר װעט אויפנעהמען דיזען סירקולאַר אין דעם זעלבען גײסט װי ער װערט צו אײך געשיקט.

„מיר פערבלײבען װאָהרהאַפטיג אײערע,
„די דזשאָינט באָארד פון לײדיעס גאַרמענט װאָרקערס אָװ סינסינעטי, א. ל. ג. װ. יוניאָן.“

* * *

דער סירקולאַר, װי ער איז אויבען געדרוקט, איז אַ דאָקומענט פון בעדײטענדער װיכטיגקײט. דער אינהאַלט איז דײטליך גענוג, און מיר האָפען אַז די לײדיעס גאַרמענט סטאָרס װעלען דאָס אין אַכט נעהמען. װאָס עס פאָדערט זיך יעצט איז, װירקליך זיך צו װענדען צום ברײטען עולם אַז ער, דער עולם, זאָל װיסען װאָס די אָרגאַניזירטע ארבײטער פאָדערען.

* * *

פרײנד א. מאַדאָװ פון באָפלאָ נ. י. שרײבט אונז אַ גרוס פון לאָק. 90 לײדיס טײלאָרס. פר. מאַדאָװ בעקלאָגט זיך אויף דעם װאָס די ניו־יאָרקער לײדיס טײלאָרס און קלאָוקמײקערס, אויך די פון אנדערע שטעדט, װאָס קומען אריבער נאָך באָפלאָ זײנען זײער אָרימע יוניאָן־לײט. קומט צו רײד, דערצעהלען די אריבערגעקומענע גאַנצע בערג מיט מעשיות װעגען זײערע העלדישקײטען, אָבער אין באָפלאָ זעהט מען דאָס פון זײ ניט ארױס. פיעלע מאָל געהען זײ ארום מאָנאַטען לאַנג אײדער זײ בעזוכען דעם מיטינג לאָקאַל.

די מיטגליעדער פון לאָקאַל 90 האָבען דורך דער צײט װאָס דער לאָקאַל עקזיסטירט בעדײטענד פערבעסערט זײער לאַגע, נור לײדער איז די פערבעסערונג פיעל קלענער װי מיר װאָלטען װירקליך געקענט פאַר דער צײט אויפטהאָן. די אורזאַכע װאַרום מיר מאַכען װעניגער פּראָגרעס װי די אָרטיגע בעדינגונגען ערלויבען, איז דאָס דערפאַר װאָס די אײגענע מעמבערס האַלטען זיך ניט האַרמאָניש גענוג. לעצטענס האָט די אינטערנײשאָנאַל געהאַט געשיקט אַן אָרגאַנײזער נאָך באָפלאָ און זײן אַנװעזענהײט האָט בעדײטענד פערמעהרט די האַרמאָניע און די טהעטיגקײט פון די מעמבערס. צום נעקסטען סיזאָן ערװאַרטען זײ אַלזאָ צו מאַכען פּראָגרעס.

מעיאָר, װעלכער איז א נעאַכטעטער מעמבער פון די פּלאָמבערס יוניאָן, אָבער די אַנדערע קאַנדידאַטען פאַר מעיאָר האָבען זיי אפּלאָדירט און אויסגעהערט מיט דרך ארץ. זאָגאַר האָגען, דער רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט, װעלכער האָט געהאַט די פּאָליציי אונטער זיין האַנד אין דער צייט פון סטרייק, און האָט זיי ניט געשטערט אין זייער העלישער ארבייט פון בעדעקען די לייבער פון די מיידלעך מיט בלויע און ברוינע צייכענס — זאָגאַר איהם האָבען זיי העפליך אויפגענומען, װעהרענד דעם טריידיוניאָניסטישען קאַנדידאַט האָבען זיי מכבד געװען מיט א געװאַלדיגע אויספּייפעריי.

„צוליעב דיזער האַנדלונג פון אונזערע סאָציאליסטישע מעמבערס האָבען די סטרייקערס פערלאָרען א היבשע סומע געלד־שטיצע. די גרעסטע לאָקאַלס, װעלכע האָבען געהאַלטען פאַר דעם טרייד־יוניאָניסטישען קאַנדידאַט, האָבען פון דאַן אָן אויפגעהערט צו געבען די סטרייקערס פינאַנציעלע שטיצע. דאָס אינטערעסאַנטעסטע פון דער זאַך איז, אז אָנשטאָט צו פערדאַמען די סאָציאליסטישע מעמבערס פאַר זייער האַנדלונג, זיינען די דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע מעמבערס נעגאַנגען צו זייערע יוניאָנס און האָבען געפּרופט זיי איבערצייגען, אז די אויספּייפערס האָבען ניט געמיינט דעם טרייד־יוניאָניסטישען קאַנדידאַט פּערזענליך צו בעליידיגען, נור זיי האָבען געמיינט, אז זיי טהוען די סטרייקערס דערמיט א טובה. מיט אַנדערע װערטער: זיי האָבען זיך בעמיהט אויף די סאָציאליסטישע מעמבערס א זכות צו זוכען, כדי צו פערמיידען צאַנקעריי.

„און דאָ קום איך טאַקע צו דער ריכטיגער פראַגע. אוב מען האָט געדאַרפט אויף די סאָציאליסטישע מעמבערס א זכות זוכען, האָט מען פון שלום װעגען אויף אונזער דזשענעראַל סעקרעטער אודאי געדאַרפט א זכות זוכען, װייל אין װעמעס אינטערעסען האָט ער געהאַנדעלט, װען ער האָט אונטערשטיצט דעם דעמאָקראַטישען קאַנדידאַט? קען יעמאַנד אָבלייקענען דעם פאַקט, אז די אינטערעסען פון די סטרייקערס האָבען איהם געצװאונגען צו האַנדלען אזוי, און ניט אַנדערש? װען מיר זאָלען אורטהיילען די זאַך מיט'ן *שכל הישר*, װאָלטען מיר ניט געװען אזוי איבעראיילט יענעם צו פערדאַמען.

„עס געפינען זיך אין אונזער יוניאָן מענשען מיט אלערליי פּאָליטישע מיינונגען און אפילו װען די סאָציאליסטען זאָלען זיין אין דער מאַיאָריטעט, ניט דאָס זיי נאָך אַלץ קיין רעכט ניט איבער אַנדערע צו הערשען, אָדער זיי צו פערדאַמען, דערפאַר װאָס זיי דענקען און גלויבען אַנדערש".

די, װאָס שרייבט דיזע ציילען, דערמאָנט שטענדיג קאַרל מאַרקס' נאָמען מיט אכטונג און פערשטעהט גענוי װי אָבצושעצען דעם גרויסען װערטה פון זיין ארבייט פאַר דער ארבייטער־קלאַסע. איך קען אָבער ניט זעהען װאָס פאַר א מחותנים עס זיינען מיט דיזען גרויסען מאַן אָט יענע קליינליכע נשמות, װעלכע דענקען, אז זיי זיינען סאָציאליסטען, װעהרענד אין דער אמת'ען איז זייער פּלוידערישער אינסטינקט שטאַרקער װי זייער אידעאַליזם. װען מען הערט דיזע קנאַקערס „האַקען אין טשייניק", קען מען מיינען, אז מיר זיינען אָרגאַניזירט מיט דעם איינציגען צװעק זיך צו פּאַטשען אין דער עפענטליכקייט. און מיט אזא טאַקטיק ערװאַרטען מיר נאָך צו קענען זיך פערטהיידיגען נעגען אונגערעכטיגקייט?

לאָמיר װאָס גיכער מאַכען אַן ענדע פון דיזער טאַקטיק, װעלכע שװאַכט אָב אונזער אָרגאַניזאַציע. הייסט בעסער אייער פריינד, װעלכער האָט די טבע צו האַלטען אין איין פערדאַמען אַנדערע, צו פערװענדען זיין ענערגיע נעגען די קאַפּיטאַליסטען, װעלכע קעמפּפען נעגען אונז מיט אַלע כחות. אָט שטעהען זיי און לאַכען װי די טייװאָלים און קװעלען צוקוקענדיג, װי מיר פּאַטשען זיך.

* * *

אין „אונזער װעלטעל" — אין אַן אַנדער פּלאַץ אין „לײדיעס גאַרמענט װאָרקער" — קען דער לעזער זעהן װעגען די ערפאָלגרייכע ארבייט פון דער קאָמיטע, װעלכע פאָהרט ארום צו ערקלעהרען דעם פּובליקום און די סטאָר־קיפּערס, *ניט צו קויפען קיין קלאָוקס און סקוירטס װאָס קומען פון קליװלאַנד*, אזוי לאַנג װי די קליװלאַנדער קלאָוק מאַנופאַקטשורערס ענטזאָגען זיך צו סעטלען זייערע צװיסטיגקייטען מיט דער יוניאָן.

אויף די דזשאָינט באָארד פון אונזערע לאָקאַלס אין סינסינעטי, אָהייאָ, האָבען װעגען דעם ארויסגעגעבען א סירקולאַר צו אַלע סטאָרס, װאָס האַנדלען מיט לײדיעס גאַרמענטס, און די סטאָר־קיפּערס אויפמערקזאַם געמאַכט, װאָס די ארבייטער *פון שטאָדט ערװאַרטען פון זיי*.

דעם סירקולאַר איבערזעצען מיר דאָ װאָרט אין װאָרט.

„סינסינעטי, אָהייאָ, יאַנואַר 20טען, 1912.

„דזשענטלמען!

„מיר האָבען געקראָגען אויסקינפטע, דאָס

# פון בריעף און בעריכטען

צווישען די גרויסע צאָהל מענשען אין אונזער אינטערנאציאָנאַלע יוניאָן געפינען זיך, נאַטירליך, א סך מענשען מיט די פערשיעדנסטע אנזיכטען איבער פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און איבער סאָציאַלע פראגען.

יעדערער פון זיי איינציגווייז און יעדערער פון זיי ווען זיי בענעגענען זיך, וואָלטען וועלען, אז די גאַנצע אינטערנײשאָנאַל יוניאָן זאָל זיין אַט ווי די איינצעלנע און זייערע גרופען זיינען. די וואָס האָבען מעהר שכל, פערשטעהען געוועהנליך, אז א טרייד־יוניאָן מוז אריינגעהמען מיטגליעדער לויט זייער פאך ארבייט און ניט לויט זייערע פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע מיינונגען.

ווען אונזער דזשענעראַל סעקרעטער דייטש האָט געזעהען ווי די פּאָליטישע לאַגע אין קליוולאנד ווירקט אויף דעם קלאָוק סטרייק, האָט ער זיך געוועגען די צושטענדע בעראטהען מיט איינעגע פעראנטוואָרטליכע מענשען פון דער אינטערנײשאָנאַל, און דאַן, לויט די איינשטימיגקייט פון זיינע מיטארבייטער, נ ע ר א ט ה ע ן די דזשאָינט באָארד פון דער קליוולאנדער קלאָוק און סקוירט מייקערס, אז זיי, די דזשאָינט באָארד, זאָל ר א ט ה ע ן די מיטגליעדער פון די יוניאָנס צו שטימען פאר דעם דעמאָקראטישען קאנדידאט פאר מעיאָר, און נעגען דעם רעפּובליקאנישען קאנדידאט.

נון, געפינט זיך אין אונזער יוניאָן אויך א געוויסע צאָהל סאָציאַליסטישע מיטגליעדער, און זיי זאָגען, אז די בעראָטהונג האָט קיינמאָל ניט געדארפט זיין, און דאָס דזשענ. סעק. דייטש האָט ניט געדארפט געבען זיין מיינונג צו דער דזשאָינט באָארד.

אַט צו די מיטגליעדער און צו די יעניגע, וועלכע האלטען מיט זייער מיינונג, שרייבט אונז מיס דזשאָזעפין קייסי א בריעף, וועלכע זי בעטיטעלט: אונטאָלעראַנץ אין א סאָציאַליסטישען מאַנטעל."

מיס קייסי איז געוועזען אין קליוולאנד דורך דער גאַנצער צייט פון סטרייק, זי האָט זיך אין סטרייק בעטהייליגט און ווייס וועגען אלע איינצעלהייטען וואָס האָבען אין דעם היסטאָרישען קאַמפּף פּאַסירט. און דאָס איז איהר מיינונג וועגען דער האַנדלונג פון סעקרעטער דייטש.

זי שרייבט:

„די פּאָר פּראָטעסט־רעזאָלוציאָנען, וועלכע זיינען לעצטענס ארויסגעקומען נעגען אונזער דזשענעראַל סעקרעטער דייטש, דערפאר וואָס ער האָט געראטהען צו שטיצען דעם דעמאָקראטישען קאנדידאט פאר מעיאָר אין קליוולאנד, זיינען, דוכט מיר, גאַנץ דייטליך געענטפערט געוואָרען פון אנדערע רעזאָלוציאָנען פון א פיעל מעהר פעראנטוואָרטליכען כאראקטער, נעמליך, דורך דער דזשאָינט באָארד פון קליוולאנד גופא און פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אינטערנײשאָנאַל יוניאָן.

„איך וואָלט אָבער וועלען אונזערע מעמבערס דערמאָנען אָן צוויי זאכען, וואָס האָבען פּאַסירט אין פערלויף פון דעם היסטאָרישען סטרייק. איך וואָלט געוואָלט אונזערע מעמבערס דערמאָנען אויף איינינע פּאַסירונגען, וואָס האָבען דעם סטרייק געטהאָן שאָדען און פון וואנען דיזער שאָדען איז געקומען, און ווי גוטמוטהיג און טאָלעראנט די פעראנטוואָרטליכע מענשען אין דער יוניאָן האָבען זיך צו די פּאַסידונגען פערהאַלטען.

„בשעת די קליוולאַנדער סטרייקערס האָבען עטליכע מאָל מארשירט אין פּאַראַד, האָבען די סאָציאַליסטען פערנאַנדערגעטהיילט אזוי פיעל רויטע פאָהנען, שלייפלאך און רויט־בעפּוצטע טראנספּעראנטען מיט מאָטאָס, אז א גרויסער בעאמטער פון אַנאַנדער יוניאָן האָט אויסגעשריען: „דאָס איז ניט קיין יוניאָן־קאמפּף, דאָס איז א סאָציאַליסטישער קאמפּף!" אָבער אָנשטאָט וואָס די רעפּובליקאניש און דעמאָקראטיש־געזאָנענע ארבייטער־פיהרער זאָלען פערדאמען אונזערע מעמבערס, דערפאר וואָס זיי האָבען אויסגענוצט א סטרייק־פּאַראַד אום ארויסצואווייזען נעטרייהייט צו דער סאָציאַליסטישער פּארטיי, האָבען זיי, פערקעהרט, שטארק געטאדעלט יענע בעאמטע, וועלכע האָבען געוואָנט די סטרייקערס צו קריטיקירען. אָבער אויף די סאָציאַליסטען האָבען זיי קיין איין שלעכט וואָרט ניט אויסגערעדט.

„די צווייטע זאך האָט פּאַסירט אין לונא־פּארק, קליוולאנד, „לייבאָר־דעי", ווען אונזערע סאָציאַליסטישע מעמבערס האָבען אויסגעפייפט דעם טרייד־יוניאָניסטישען קאנדידאט פאר

מיטלען דורך װעלכע דער מעמבער אליין זאל זיין נעניינט צו האלטען קליער זיינע דיוס. די מעהרסטע מעמבערס פלעגען אימער שולדען אזוי פיעל דיוס, דאס זיי פלעגען זיין מעהר אויסער דער יוניאן ווי אינווייניג.

„אז די יוניאן פלעגט ארויפלעגען אן אסעסמענט, איז דאס זעלטען בעצאהלט געווארען. די מעמבערס פלעגען זיך טראכטען: נו, וואס וועט מיר די יוניאן טהאן אז איך וועל *ניט צאהלען?* די מעהרסטע מעמבערס פלעגען טאקע דעם אסעסמענט ניט צאהלען און אויף די ביכער *פלעגט נור שטעהן שולדען און שולדען.*

„פלעגט קומען א סטרייק, דאן איז די יוניאן דאך געווען געצוואונגען צו בעטלען פאר אלעמען און צו בעהאנדלען אלעמען גלייך, ווארום אין א מלחמה קען מען זיך דאך ניט רעכענען.

„פאר די לעצטע צוויי יאהר האט אבער אונזער יוניאן איינגעפיהרט א סיק־בענעפיט סיסטעם — און אלעס האט זיך געענדערט צום גוטען. צוערשט, ווען דער סיק־בענעפיט איז איינגעפיהרט געווארען, האבען זיך פיעלע מעמבערס געשראקען, אז די יוניאן וועט צופאלען. מאנכע מעמבערס זיינען אין אנפאנג ארויסגעגאנגען, אבער אביסעלע שפעטער זיינען זיי אלע צוריקגעקומען און וואס ווייטער זיינען מעהר מעמבערס צוגעקומען און די צאהלונגען אין יוניאן האבען גענומען ווערען מעהר רעגעלמעסיג, די פאנדס פון דער יוניאן האבען גענומען ווערען גרעסער און די מעמבערס האבען פאלגליך געקראגען מעהר צוטרויען. די סיסטעם פון בענעפיטס האט אריינגעבראכט אין אונזער לאקאל א גאנצע רעוואלוציאן.

„די דיוס אין אונזער יוניאן איז 25 סענט א וואך. די 25 סענט ווערען צוטהיילט ווי פאלגט: 10 סענט א וואך פיר פער קאפיטא און לאקאלע עקספענסעס, 10 סענט פיר'ן סטרייק פאנד און 5 סענט פיר'ן סיק פאנד. פיר די לעצטע צוויי יאהר וואס מיר צאהלען סיק בענעפיט האט דער פאנד געשפארט 2,247 דאלאר. סיק בענעפיט צאהלט דער לאקאל זעקס דאלאר א וואך פיר־10 וואכען אין יאהר. דורך די צוויי יאהר האבען מיר בלויז געהאט 48 מעמבערס קראנק, פון וועלכע בלויז איינער איז קראנק געווען פולע צעהן וואכען. די מעמערס האבען בעקומען בענעפיט לויט דער צייט פון זייער קראנקהייט.

„פון די ציפערען וועלכע מיר האבען יעדען פערטעל יאהר פובליצירט קענט איהר זעהן, וואס 5 סענט פון א מעמבער קען אויפטהאן. פאר $2.60 א יאהר איז אונזער מעמבער געזיכערט מיט *60* דאלאר א יאהר קראנקען בענעפיט. און פאר די יוניאן איז דאס אויך זעהר גוט, ווייל די יוניאן האט א גרעסערע און א מעהר רעגעלמעסיגע איינגאהמע. ווען א מיטגליעד איז שולדיג אין דער יוניאן מעהר ווי פיר 4 וואכען דיוס, דאן הייסט דאס אז דער מעמבער איז אין אריערס און ניט בערעכטיגט צו קיין בענעפיטס. דאס ווירקט אויף דעם מעמבער צו זיין רעגעלמעסיג מיט זיינע צאהלונגען און צו ערפילען זיינע פפליכטען צו דער יוניאן.

צום סיק־פאנד מוזען בעלאנגען אלע מעמבערס. נור אין פאל איינער איז קראנק און קען ניט פאסען א דאקטאר־עקזאמינייישאן, דאן נעהמען מיר אריין אזא מענשען אויף בלויז טרייד־בענעפיטס, און די דיוס פיר אזא מעמבער איז 20 אנשטאט 25 סענט א וואך. דאס איז, אין קורצען, אונזער פינאנציעלע סיסטעם.“

דאס שרייבט אלזא דער סעקרעטער, וועלכער קען זיין יוניאן פאר די לעצטע עטליכע יאהר.

ווי דער לעזער זעהט איז די סיסטעם פון לאקאל 2 א גאנץ איינפאכע, אבער א גוטע. אזוי ווייט ווי מיר ווייסען איז דער לאקאל 2 אין פילאדעלפיא מיט דער זעלבער מיינונג וועגען די סיסטעם פון בענעפיטס, ווי אלע אנדערע לאקאלע און אינטערנייִשאנאל יוניאנס, וועלכע האבען דאס פרובירט אנוועגדען אין לעבען. און דער מיינונג איז דער: א סיסטעם פון בענעפיטס אין א יוניאן האט אין זיך אזוי פיעל נוטעס, אז וועלכע יוניאן עס האט נור איינמאל אזא סיסטעם איינגעפיהרט, די יוניאן קעהרט זיך שוין קיין מאל ניט צוריק צו דעם פלאן פון קליינע דיוס און קיינע בענעפיטס!

דער דערמאַנט, געווען אָרגאַניזירט אין בעזונדערע יוניאָנס, און, ווי אין מאַנכע אַנדערע פּלעצער, האָט צווישן די לאָקאַלס אימער געהערשט אַ סאָרט מיסטרוי און פערדרוס איינע אויף די אַנדערע, ביז די צייט האָט זיי אַלעמען געלערענט, אַז ס'איז בעסער פאַר אַזאַ שטאָדט ווי פילאַדעלפיאַ צו זיין צוזאַמען אָנשטאָט צו זיין בעזונדער, און אַ פעראייניגונג האָט שטאַטגעפונדען.

די קלאָוק און סקוירט מאַכערס פון פילאַדעלפיאַ האָבען אַלזאָ היינט איין לאָקאַל וואָס דאַרף פערהאַנדלען אַלעמענס אינטערעסען. די וואָס זיינען נאָך היינט אין בעזונדערע יוניאָנס, זיינען די קלאָוק פינישערס און קאַטערס. די פינישערס — ביי דהי וועי — האָבען מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק געאַרבייט פאַר די אָפּערייטאָרס, אָנשטאָט ווי היינט דירעקט פאַר די מאַנופעקטשורערס.

ווען מיר האָבען ביז יעצט גערעדט וועגען די פילאַדעלפיער קלאָוקמייקערס יוניאָן אין אַזאַ בעגייסטערטען טאָן, איז דאָס ניט דערפאַר ווייל דער לאָקאַל האָט שוין דערגרייכט צו פּאָלקאָמענהייט אין איהר מענעדזשמענט, אָדער דערפאַר ווייל דער לאָקאַל האָט געמאַכט פון פילאַדעלפיאַ אַ גן־עדן פאַר קלאָוקמייקער. ניין, ניט דערפאַר דריקען מיר דאָ אויס אַ געפיהל פון צופריעדענהייט. מיר שרייבען מיט צופריעדענהייט וועגען דער פילאַדעלפיער קלאָוק מייקערס יוניאָן היינט, ווייל מיר נעהמען אין אָנבעטראַכט הויפּטזעכליך צוויי זאַכען: ערשטענס, דעם פאַקט דאָס פילאַדעלפיאַ איז אין אַלגעמיין גענומען זעהר אַן אָרעמע שטאָדט פאַר טריידיוניאָנס. די יוניאָן־בעוועגונג אין דער שטאָדט איז זעהר שוואַך, און ספּעציעל איז די שוואַכקייט קענטיג צווישן די היבשע פאַר טויזענד אידישע שניידערס. און ווען מיר קענען אין אַזאַ שטאָדט האָבען אַ גוטע קלאָוקמייקערס יוניאָן, דאַן רעכענען מיר דאָס פאַר אַן ערפרעהענדע ערשיינונג.

די צווייטע אורזאַכע וואָרום מיר ריידען מיט צופריעדענהייט וועגען פילאַדעלפיאַ, איז דאָס דערפאַר, ווייל מיר ווייסען וואָס פילאַדעלפיאַ איז געווען מיט איינינגע יאָהר פריהער. פון מיט אַ פינף יאָהר צוריק ביז היינט — איז דער אייפּטהו וואונדער־גרויס. ס'איז אימער געווען אונזער פּראַקטיק, מעסטענדיג דעם צושטאַנד פון אַ יוניאָן, צו דערנעהן אויף זיכער וואָס די יוניאָן איז געווען נעכטען, דאַן ווערט פאַר אונז קלעהרער איהרע מעגליכקייטען היינט, און איהרע מעגליכע צושטענדע מאָרגען.

וואָס האָט אָבער אַם שטאַרקסטען צוגעהאָלפען צו מאַכען דעם לאָקאַל אַן ערפאָלג? וואָס זיינען דאָס געווען די הויפּט האַנדלונגען פון די מעמבערס גופא, אַז דער לאָקאַל זאָל דערפון ווערען פערגלייכבאַר מעכטיג? פּאַסירט האָבען אַ סך זאַכען, פון וועלכע מיר וועלען דאָ דערמאָנען דריי.

ערשטענס, דער פאַקט וואָס די יוניאָן האָט אַ געזונדע פינאַנציעלע סיסטעם. און די סיסטעם האָט זי איינגעפיהרט ביי זיך מיט אַ דריי יאָהר צוריק, ווען די אַלטע סיסטעם פון קליינע דיוס און קליינע (געלד)־בענעפיטס זיינען געוואָרען אָבגעשאַפט און אַ נייע פינאַנציעלע סיסטעמע פון גרויסע דיוס און זיכערע (געלד)־בענעפיטס זיינען געוואָרען איינגעפיהרט. דאָס איז אַלזאָ איינע פון די וויכטיגסטע און עלעמסטע פּאַסירונגען וואָס האָבען געשטאַרקט דעם לעבען פון דער יוניאָן.

די צווייטע אורזאַכע פון דער יוניאָנס ערפאָלג איז צו פערדאַנקען דעם פאַקט וואָס די לייטענדע גייסטער אין דער יוניאָן זיינען עלטערע ערפאַהרענע יוניאָן־לייט און די וויכטיגסטע אָפיסערס ווערען ניט אַזוי אָפט געביטען. די דריטע אורזאַכע איז דאָס, וואָס דער גאַנצער גייסט פון די קלאָוקמייקערס אין בעצוג צו אָרגאַניזאַציאָן אין די לעצטע פּאָר יאָהר גאָר אַן אַנדערער, אַ בעסערער, אַ געזינטערער. דאָס זיינען דריי הויפּט־אורזאַכען, וועלכע אונזערע לעזער וועלען לייכט פערשטעהן. נור אַזוי ווי די רעדאַקציאָן פון „לײדיעס גאַרמענט וואָרקער" האָט לעצטען מאָנאַט צוגעזאָגט צו געבען אַ דייטליכע ערקלעהרונג איבער דער פינאַנציעלער סיסטעם פון לאָקאַל 2, וועלען מיר זיך צו דעם יעצט ווענדען מיט אַביסעל מעהר איינצעלהייטען.

אין אַ בריעף וועלכען פריינד מ. שאַנדלער, דער סעקרעטער פון לאָקאַל 2 שרייבט אונז וועגען דער פראַגע, זאָגט ער דאָס פאָלגענדע:

„פון מיין ערפאַהרונג אַלס סעקרעטער פאַר די לעצטע פינף יאָהר זעה איך איין, אַז עס איז אַ פּראַקטישע זאַך איינצופיהרען אין אַ יוניאָן וואָס מעהר בענעפיטס.

„די ערשטע דריי יאָהר פון אונזער עקזיסטענץ האָבען מיר שטענדיג געזוכט מיטלען וואָס צו טהאָן, אום איינצוהאַלטען דעם מעמבער אין יוניאָן. מיר האָבען געזוכט פערשיעדענע

שטעלט אויפ'ן אלטען קארנער וואו קלאוקמייקערס קומען צוזאמען, האבען מיר שוין געהערט גאר אנדערע קלאנגען ווי אמאל, מיט פינף יאהר צוריק. ניטא שוין צו הערען די אמאליגע גריבלענים, ניטא שוין מעהר צו הערען די פאסקודנע קיבעצעס, די לייכטזיניגע אויסדריקע און די מיאוס'ע שפאטישע רייד וועגען דער קלאוקמייקער יוניאן אדער פון איינעם וועגען צווייטען. אמוועניגסטענס, די פערדארבענהייט וואס עקזיסטירט נאך וואו ניט וואו, איז שוין גאנץ שוואך און בעהאלטען. די, ביי וועמען די האפנונגען אויף בעסערע צייטען זיינען אבגעשטארבען, די ביי וועמען די הערצער זיינען ניט גאנץ ריין, די וועמען'ס געהירען זיינען אביסעל צורודערט און וועמענס צונג בעוועגט זיך צו גיך און ניט אין חברותא מיט'ן קאפ, — די זיינען היינט זעהר זעלטען אנצוטרעפען.

יע, גאר אן אנדער געפיהל בעהערשט היינט די ארבייטער, און דער געפיהל, ווי געזאגט, איז היינט בעסער, א סך בעסער ווי אמאל.

מען פיהלט דאס אין די שעפער. אין די שעפער הערשט א שטארקערער גלויבען, א שטארקערער צובונד און אינטערעסע פון איינעם צום צווייטען. און וואס דאס ברענגט, ווייסט איהר דאך. אז ארבייטער נעהמען גלויבען איינער אין צווייטען, נעהמען זיי האנדלען צוזאמען, דארט וואו עס בעלאנגען זייערע געמיינשאפטליכע אינטערעסען, און דאס פיהרט שוין צום גוטען.

פרייזען פון דער ארבייט האבען זיך, לויט אמאליגע צייטען, פיעל פערבעסערט. מיר ווילען ניט אנגעבען ציפערען, נור קיינער, קיינער וועט אייך היינט ניט לייקענען, אז דער קלאוק און סקוירט מאכער אין פילאדעלפיא פערדיענט היינט א פאר דאלאר אויפ'ן וואך מעהר, ווי ער האט פערדיענט מיט א פאר יאהר צוריק, איידער די יוניאן איז רעארגאניזירט געווארען. די גאנצע טרייד איז ערהויבען געווארען. די גרעסערע פרייזען פיר דער ארבייט האבען ניט נור דעם קלאוק טרייד ניט געשאדעט, נור אין געגענטהייל, עס זיינען היינט דא אין פילאדעלפיא פיעל מעהר שעפער און קלאוקמייקער, ווי עס זיינען געווען מיט יאהרען צוריק.

איבערהויפט איז עס לייכטער געווארען פאר דער קלאוקמייקער יוניאן צו קריגען א בעסערען פרייז פיר דער ארבייט פון איהרע מעמבערס, זינט די קלאוקמייקער אין ניו יארק האבען זיך ארגאניזירט.

ניו יארק איז אזוי נאהענט צו פילאדעלפיא, דאס פילאדעלפיא קען קיין מאל ניט נעהמען פאר א גארמענט פיעל מעהר ווי ניו יארקער ארבייטער. אבער עס גיבען דאך, ווי בעוואוסט, „די צושטענדע פון פלאץ גופא". און דורך דער הילף פון אן ארגאניזאציאן זיינען די לאקאלע צושטענדע געווארען מעהר גינסטיג פאר דעם ארטיגען ארבייטער.

די ארבייטס־שטונדען זיינען אמאל גאר ניט געווען רעגולירט. מאנכע שעפער פלעגען אנפאנגען ארבייטען זיעבען אין דער פריה, מאנכע פלעגען אריינקומען האלב נאך זיעבען ביז זעקס. אין א פאר שעפער האט מען געארבייט פון אכט ביז זעקס, אבער דערפאר פלעגען שוין די אידען אראפגראבלען א האלבע שטונדע פון זייער „לאנטש", און אנפאנגען צוריק ארבייטען האלב נאך צוועלף, אנשטאט איינס.

דאס איז געווען דער צושטאנד אין געוועהנליכע צייטען, ווען ס'איז געווען ניט ביזי און ניט סלעק. קוים אבער איז געווארען ביזי, דאן איז געווען — פאהר אהן אן אבשטעל.

אווערטיים פלעגען פילאדעלפיער קלאוקמייקערס ניט ארבייטען. און ווייסט איהר פאר וואס? ווייל אווערטיים מיינט, ארבייטען נאך די רעגעלע צייט, אבער ווען עס איז ניטא קיין רעגעלע צייט? — פערשטעהט זיך, ארבייט מען ניט קיין אווערטיים! אין דער ביזי פלעגט מען ארבייטען אזוי לאנג, ביז די הענד און די פיס און די אויגען פלעגען זיך „ענטזאגען צו דיענען" און ארויסגעהן אין סטרייק.

היינט איז אנדערש. היינט ארבייט מען רעגעלע שטונדען, פון 8 ביז 6, מיט א שטונדע פאר לאנטש, שבת ארבייט מען זומער ביז 1 און ווינטער ביז 3. און ווען א שאפ מיטינג בעשליסט, ארבייט מען ביז 5 איינינע שבתים. איינגעשטעלטע ארבייטס־צייט איז איבערהויפט א גרויסע זאך, ווען עס קומט סלעק און מען ווייס, אז קיינער וועט ביי קיינעם ניט ארויסכאפען די ארבייט קומענדיג פריהער.

אין סלעק־צייט הערשט יעצט אין די פילאדעלפיער שעפער גאר אן אנדער סיסטעם ווי אין אמאליגע יאהרען. די ארבייטער האבען שאפ־מיטינגען און אויף די שאפ־מיטינגען ווערט בעשטימט אונטער וועלכע סיסטעם ארבייט זאל פערטהיילט ווערען, אזוי אז אלע זאלען ווי ווייט מעגליך האבען א גלייכע „פיי" ענדע וואך.

די בעזונדערע פאכען ארבייט אין דער קלאוק טרייד זיינען, ווי מיר האבען שוין פריי־

# פילאדעלפיער קלאָוק און סקוירט מײקערס יוניאָן

(אַן איבערבליק איבער דער טהעטיגקײט פון לאָקאַל 2 — אײנע פון די גרעסטע און בעסטע לאָקאַלס אין דער אינטערנײשאָנאַל).

פון שאול עלשטײן

לאָקאַלע יוניאָנס אין א אינטערנײשאָנאַל זײנען װי קינדער בײ עלטערן. מאנכע װערען גרינג געבוירען, װערען לײכט ערצױגען און װאקסען אויף שטארק און מיט גוטע מעלות און ברענגען אריין כבוד און פרעהליכקײט אין דער פאמיליע.

מאנכע אנדער לאָקאַלע יוניאָנס זײנען װי מאנכע אנדערע קינדער, זײ װערען שװער געבוירען און אין זײער גאנצען לעבען זײנען זײ קערפערליך און גײסטיג שװאך, אלע װײלע בעגעגענען זײ זיך מיט נײע שטרויכלונגען, לײדען אוים אלערלײ סיבות, דורך אײגענע און פרעמדע טעות'ען, און װען מען זעהט זײ אָן פאר די אויגען מוז מען א טראכט טהון: „אָט אװעקגעלעגט אויף דעם אזוי פיעל מיה, און א װאונדער װי לאנג דאָס קען נאָך לעבען און זיך מאטערען". ןװער רעדט, אז די קינדער — די לאָקאלס, זאָלען העלפען אנדערע, דאָס איז דאָך שוין אָבגערעדט.

אונזער לאָקאַל 2, די פילאדעלפיא קלאָוק און סקוירט מײקערס יוניאָן, װעלכע האָט אויך אין איהר מיטע די פרעסערס, איז פון די ערפאָלגרײכסטע לאָקאלס אין דער אינטערנײשאָנאַל.

דער שרײבער פון דיעזע צײלען איז צום ערשטען מאָל בעקאנט געװאָרען מיט קאָלומבוסעס קלאָוקמײקערס טאקע אין פילאדעלפיא גופא. דאָס איז געװען אין 1904, װען די אינטערנײשאָנאַל האָט איהם געשיקט נאָך דער שטאדט פון ברודערליעבע, אום צו העלפען שטארקען די קלאָוקמײקערס יוניאָן, װעלכע איז דאַן אָבגעשװאכט און כמעט צופאלען געװאָרען צוליעב א פערלאָרענעם סטרײק בײ סטראָבריזש און קלאָדיער, אײנע פון די גרעסטע דעפארטמענט סטאָר פירמעס אין שטאדט. דער סטרײק איז געװען זעהר קאָסטבאר פון בײדע זײטען, נור די יוניאָן האָט דאָס װעניגער געקענט אויסהאלטען און די מעמבערס זײנען זיך צוגאנגען. מיט א פאָר יאָהר צוריק האָבען אונזערע ארבײטער נאָך ניט געהאט געלערענט גענוג אז מען דארף זײן קענער צו פערליערען א סטרײק, ניט װעניגער װי איהם צו געװינען, װײל מענשען פערליערען א מאָל די קעפּ צוליעב א סך רײכטהום ניט װעניגער װי צוליעב א סך צרות... אונזער מענשען האָבען נאָך דאַן אויף אזוי פיעל ניט געהאט די פולע איבערצײגונג, דאָס װען מען פערליערט א סטרײק דארף מען ערשט די יוניאָן אויפהאלטען, כדי די באָסעס זאָלען ניט נעהמען קײן נקמה איבער די ארבײטער און פערערגערען זײער לאגע.

נור געה רעד צו מענשען װעלכע זײנען נאָך ניט דערװאקסען צו פערשטעהען דאָס װאָס איהר װילט זײ זאָגען!

מיר האָבען דאַן געראטהען די אינטערנײשאָנאַל צו װארטען א יאהר צװײ מיט די פילאדעלפיער קלאָוקמײקערס, און װען די צײט װעט אװעקגעהן, דאַן זאָל די אינטערנײשאָנאַל זײ װײטער נעהמען װעקען און לערנען. אזוי איז געװען. מיט א יאהר פינף צוריק איז געקומען די צײט פאר „א נײע" יוניאָן און זי איז טאקע מיט מזל געבאָרען געװאָרען.

אז דער לאָקאַל 2 איז ניט געװאקסען אָהן זאָרג און אָהן שװעריגקײט איז נאטירליך אָבגערעדט. צרות האָבען קײנמאָל ניט געפעהלט, אבער מען האָט געזעהען אז דער לאָקאַל װעט פאָרט אויסװאקסען װי עס בעדארף צו זײן.

נאָך זאָגאר מיט א דרײ יאָהר צוריס, װען מיר האָבען זיך אויף א װײלע אװעקגעשטעלט אוים'ן קאָרנער פון 9טע און פילבערט סטריט און א רײד געטהאָן װעגען דער קלאָוקמײקער יוניאָן, װעגען די פרעסערס יוניאָן, װעגען די סקוירט מײקערס און קאטערס (זײ זײנען דעמאָלט געװען אין בעזונדערע יוניאָנס), האָט מען געקענט הערען אלערלײ רײד, מײסטענס אונאנגענעהמע, נור דאָס װאָס מ'האָט געהערט איז שוין געװען אנגענעהמער, פרעהליכער, מעהר האָפנונגספאָלער, װי פריהער מיט יאָהרען, אָבער װײט ניט דאָס װאָס א פרײנד האָט געװאונשען צו הערען.

װען מיר האָבען לעצטענס בעזוכט פילאדעלפיא און האָבען װיעדער אמאָל זיך אװעקגע־

עס איז אָהן צווייפעל זעהט טאַקטפאָל און נעשיקט זייטענס די פאַרשטעהער פון דער ס. פּ. אויסצונוצען די געלעגענהייט, וועלכע די מאַקנאַמאַרא קייס האָט זיי געגעבען, זיך אָבצורעכענען מיט גאָמפּערס'ן און די איבעריגע ליעדערס פון דער אמעריקאַנער טרייד־יוניאָן בעוועגונג, וועלכע זיינען ניט איינפערשטאַנען מיט דער אידעע צו מאַכען די א. פ. אָוו ל. אַן אבטהיילונג פון דער ס. פּ. מיר צווייפלען אָבער אין די ראַטהזאַמקייט פאַר א טרייד־יוניאָן אָרגאַן זיך אָנצושליסען אין דיעזען יאַגד אויף די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן ליעדערס און שרייען אז זיי זיינען בלינדע מענשען. אויב א טרייד־יוניאָן צייטונג אליין זאָגט, אז די ליעדערס זיינען בלינד, וואָרום זשע זאָלען מיר ערוואַרטען אז די איינפאַכע מעמבערס זאָלען זיי פאָלגען?

עס איז אמת אז די גרעסטע צאָהל פון די טהעטיגע מעמבערס און במעט אלע ליעדערס פון די לאָקאַלס פון דער דזשאָינט באָארד זיינען אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטען. דאָס הייסט נאָך אָבער ניט אז די דזשאָינט באָארד איז א לאָקאַל פון דער ס. פּ.

---

ווי סאָציאַליסטיש די מעמבערס פון די יוניאָנס זאָלען ניט זיין, דאָך פערשטעהט יעדער, וועלכער איז נענוי בעקאַנט מיט דער ארבייטער בעוועגונג, אז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קען ניט טהאָן די ארבייט פון די יוניאָנס אָדער די יוניאָנס — די ארבייט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די טהעטיגקייט פון איינע מוז אייבער זיין פּאָליטיש און די צווייטע — עקאָנאָמיש. די טרייד־יוניאָן־בעוועגונג האָט ניט נור איהרע ספּעציעלע אינטערעסען, נור אויך איהר ספּעציעלען גייסט, איהר אטמאָספערע, און פיר איינער צו טרייען נאָכצוטאַנצען די טאַקטיק פון דער צווייטער — איז לעכערליך.

---

מיר האָבען געציינט אונזער פּרעזידענט ראָזענבערג דעם בריעף, וואָס איז אָבגעדרוקט געוואָרען פאָריגע וואָך אין „פאָרווערטס", אין וועלכען איינינע מעמבערס פון אונזערען א לאָקאַל אין שיקאַגאָ פּראָטעסטירען וואָרום ער רויכערט נאָן־יוניאָן סיגאַרעטס. ברודער ראָזענבערג ערקלעהרט אז ער רויכערט די פּראָדוקטען פון דער אמעריקאַן טראָסט קאָמפּאַני צוליעב דעם, וואָס זייענדיג א מעמבער פון „פאָרווערטס" פּרעס פּעדערייששאָן, איז ער גערן צו פּאַטראָנייזען די אדווערטייזערס פון זיין צייטונג, וועלכע דרוקט אָפט אדווערטייזמענטס פון דער באַיקאָטירטער אמעריקאַן טאָבעקאָ קאָמפּאַני, יונידאַ ביסקוטס און אנדערע באַיקאָטירטע פּראָדוקטען.

נעג. ב. בראַון, דער סעקרעטער פון אונזער לאָקאַל אין סאַן פראַנציסקאָ, שרייבט אונז די טעג, אז זיי האָבען דאָרט א היבשע צאָהל קלאָוקמייקערס און ליידיעס טיילאָרס וואָס נעהען ארום לעדיג און קענען אפילו ביי אנדערע פאַכען ארבייט אויך ניט געפינען קיין בעשעפטיגונג.

אין דער איסט מיינט מען, אז אין סאַן פראַנציסקאָ האָבען די ארבייטער פון אלעם גוטען. אָבער דאָס איז גאַנץ ווייט פון צו זיין אמת. יעדער טרייד ליידעט דאָרט יעצט פון א שטאַרקען איבערפלוס פון מענשען. און דער וואָס רעכענט צו פאָהרען אהין ארבייטען וועט זיך ניכער מאַכען ערגער איידער בעסער.

מיר זעהען דורך די צייטונגען, דאָס אונזער אלטער פריינד ה. וויינבערג מאַכט א טור פון דער וועסט נאָך דער איסט, און וועט לעקטשורען אין פערשיעדענע שטעדט. מיר ראַטהען אונזערע לעזער זיינע פערזאַמלונגען צו בעזוכען.

---

אין דיזען נומער זיינען מיר ווידער צוליעב מאַנגעל אין פּלאַץ געצוואונגען אויסצולאָזען איינינע ארטיקלען, וועלכע מיר האָבען אונזערע לעזער צוגעזאָגט. מיר בעטען ענטשולדיגונג. אין נעקסטען נומער וועלען זיי פּאָזיטיוו ערשיינען

יאָריגען דעם מוטה, דעם גלויבען אין זיעג, און די באַבעס זיינען פון טאָג געוואָרען מעהר פער׳עקשנ׳ט?

---

די ביכער פון דזשענעראַל אָפיס ציינגען, אז פון דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן ביז ענדע לעצטען אָקטאָבער, ווען דער קליוולאַנדער סטרייק איז אויפגעגעבען געוואָרען, האָט די אינטערנייישאָנאַל ערהאַלטען אריבער 100 טויזענד דאָלאַר פון א 2½־סענטיגע פער קעפּיטאַ. ווען דער פאָרשלאַג פון אן 8 סענטיגע פער קעפּיטאַ וואָלט אָנגענומען געוואָרען ביים קאָנווענשאָן, וואָלט דער איינקונפט געווען פאַר דער זעלבער צייט נאָהענט פון 350 טויזענד דאָלאַר, און מיט אזא סומע אין די הענד פון דזשענעראַל אָפיס צווייפעלט קיינער ניט אז מיר האָבען געקענט געווינען צוויי קליוולענדער סטרייקס.

---

צווייפעלט ווער, אז ווען די אינטערנייישאָנאַל יוניאָן, אַנשטאָט 80 טויזענד דאָלאַר וועלכע זי האָט געשפּענדט אויפ׳ן סטרייק, וואָלט געהאַט 300 טויזענד דאָלאַר, און אָן אַסעסמענט פון 10 סענט א וואָך אויף די 70 טויזענד מעמבערס, וואָלטען מיר ניט געדאַרפט לאָזען די סטרייקער צוריקגעהן צו דער אַרבייט ביי ענדע אָקטאָבער, ווען עס איז איינפאַך ניט געווען אין די שעפער וואָס צו טהאָן.

---

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אין דיעזע נאָטיצען אויף דער פראַגע, ווייל מיר ווייסען, אז ביי די גרעסטע לאָקאַלס דאָ אין ניו יאָרק, עקזיסטירט א געוויסע אָפּאָזיציאָן געגען דעם פּלאַן צו פערגרעסערען די פער קעפּיטאַ.

די לאָקאַלע אָפיסערס פון דיעזע לאָקאַלס גלויבען, אז זיי האָבען אויפגעטהאָן עטוואָס געוואַלטיגעס, בעזאָנדערעס, ווען ביים ענדע פון קוואַרטאַל ציינט זייער בעלענס־שיעט א צוואוואַקס פון עטליכע טויזענד דאָלאַר; און יעדער פון דיעזע לאָקאַלען זוכען צו איבערשטייגען איינער דעם צווייטען אין דיעזער הינזיכט.

ווילען דיעזע לאָקאַלס וואַרטען אויף א צווייטען קליוולאַנד, ביז וואַנען זיי וועלען איינפיהרען א צענטראַלען סטרייק פאָנד, אָדער זיי וועלען ניט פערלירען קיין צייט און עס זאָפאָרט פערווירקליכען? דען מיר ווייסען ניט פון וואַנען און וואו די אַטאַקע וועט זיך אָנפאַנגען, און מיר טאָרען דאַרום ניט פערלירען קיין צייט.

---

דער יעצטיגער צושטאַנד פון אונזער פערבאַנד, מיט איהרע זעלבסטשטענדיגע לאָקאַלס, וואו יעדע בעזונדער טריים צו פערשטאַרקערען איהר אייגענע פּאָזיציאָן, איז העכסט רעאַקציאָנער און איז עהנליך צו די פערצייטיגע סיסטעמע פון מיטעלאַלטער, ווען יעדער פריץ, יעדער פּרינץ האָט געטריים צו פערפעסטיגען זיין שלאָס, זיין פעסטונג, און עס איז געווען לייכט פיר א גרעסערען הערשער צו צושמעטערען און איינצונעהמען יערע פעסטונג בעזונדער; אָדער ווי די אינדיאַנער אין אַמעריקאַ, וועלכע זיינען געווען צוטהיילט אין שבטים, און עס איז געווען לייכט פיר עטליכע טויזענד פעראייניגטע איראָפּעער צו בעזיעגען און פערניכטען די גאַנצע ראַסע.

---

און וואָס וועט זיין מיט די טרעזשוריעס פון די לאָקאַלס? — וועלען מאַנכע עקזעקוטיוו פּאַטריאָטען פרעגען. אונזער ענטפער איז, אז די יעניגע פון די לאָקאַלס וועלכע האָבען ביז יעצט קיין טרעזשורים ניט געשאַפען, וועלען סיי־ווי־סיי קיינמאָל ניט האָבען; וועהרענד די גרויסע לאָקאַלס, וועלכע האָבען יעצט גרויסע טרעזשורים, וועלען אין דער צוקונפט אויך האָבען. וואָרים נאָך אַלעמען, ווען עס קומט צו א וויכטיגען סטרייק, גיבען דאָך די גרויסע לאָקאַלס די געלדער. דער קליוולאַנדער סטרייק האָט געמאַכט א גרעסערע לאָך אין זייערע טרעזשוריעס, זיי האָבען פּראָפּאָרציאָנעל אוועקגעגעבען פון זייערע קאַסעס בעדייטענד מעהר, ווי די קלענערע לאָקאַלס. אזוי צום ביישפּיעל, וועהרענד די פיער גרעסטע לאָקאַלס פון ניו יאָרק האָבען אוועקגעגעבען מעהר ווי העלפט פון זייערע טרעזשוריעס, האָט לאָקאַל 17 געוויזען א קונץ און האָט אין פערלויף פון קליוולאַנדער סטרייק פערגרעסערט איהר טרעזשורי. דאָס ציינט ווידער אַמאָל, אז די טרעזשוריעס פון די גרויסע ניו יאָרקער לאָקאַלס, וואו עס הערשט די גרעסטע אָפּאָזיציאָן געגען פערגרעסערען די פער קעפּיטאַ, וועלען גראַדע פּראָפיטירען פון דעם פּלאַן, וועלכער וועט צווינגען יעדען מעמבער, יעדען לאָקאַל בייצושטייערען און אָבצושפּאָרען יעדע וואָך פון די וועכענטליכע ביטרעגע פיר א סטרייק־פאָנד.

---

דיעזעס איז אָהנע צווייפעל די וויכטיגסטע פראַגע מיט וועלכע אונזערע לאָקאַלס און אונזער פרעסע דאַרפען זיך בעשעפטיגען. די אַלע אַנדערע פראַגען מיט וועלכע זיי בעשעפטיגען זיך יעצט איז פון קלענערער וויכטיגקייט ווי די פראַגע, ווי צו קאָנצענטרירען אונזערע קרעפטען און ווערען שטאַרקער און קאַמפּפס־פעהיגער. דער קליוולאַנדער סטרייק האָט דאָס דייטליך אַרויסגעציינט.

---

ווי מען זאָגט אונז, איז דער רעדאַקטאָר פון דער „נייע פּאָסט“ זעהר ביין פיר אונזערע נאָטיצען פון פאָרינגען מאָנאַט. וועל, מיר גיבען צו, אז זיין צאָרן איז א גערעכטער. אויב אָבער דיעזעס וועט איהם פעראורזאַכען צו זיין מעהר פאָרזיכטיג אין זיינע דיר־ניט מיר־ניט קריטיקען איבער די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן ליעדערס, מיט וועמעס טהעטיגקייט ער איז גאַנץ אונבעקאַנט, וועלען מיר דערפון זיין העכסט צופריעדען.

פאר, וואס זיי גיבען אכטונג, אז מען זאל ניט ארבייטען אונטער'ן פרייז, אדער אז די יוניאן־בעדינגונגען זאלען אבגעהיט ווערען. מיר דענקען פערקעהרט, אז די בעאמטע פון דער אססאסיאיישען מוזען זיך פונקט אזוי פלייסען דורכצופיהרען דעם זעקסטען פאראגראף פון פראטאקאל, וואס זאגט, אז זיי מוזען בעשטראפען זייערען א מעמבער, ווען מען געפינט איהם שולדיג אין דיסקרימינייישען, ווי דעם 17טען פאראגראף, וואס זאגט, אז די ארבייטער זאלען ניט ארויס אין סטרייק איידער דער סכסוך ווערט פארגעלעגט פאר דער באארד אוו ארביטריישען. די יוניאן *קען זיך ניט אונטערנעהמען* צו פערוועהרען די ארבייטער אוועקצולעגען זייער ארבייט אין די אססאסיאיישען שעפער, סיידען אונזערע מעמבערס וועלען בעשיצט ווערען פון דיסקרימינייישען און אונגערעכטיגקייט.

---

קיין וואונדער וואס א סך פון אונזערע מעמבערס גלויבען, אז דער איינציגער וועג ווי פטור צו ווערען פון דיסקרימינייישען, איז אוועקצונעהמען דעם מאנופעקטשורער'ס רעכט זיינע ארבייטער אוועקצושיקען. עס איז גאנץ נאטירליך, אז די עקשנות פון די בעלי־בתים זאל בעשאפען אן עקשנות ביי די ארבייטער אויך, און דאס מוז פיהרען צו מיספערשטענדניסע. נור דאן קען זיין הארמאניע, ווען איין צד רעספעקטירט דעם אנדערען. וואס אנבערעפט אונזערע מעמבערס, דארפען זיי געדענקען, אז אבצושאפען דאס רעכט פון די בעלי־בתים ארבייטער אוועקצושיקען איז איינע פון די שווערסטע אויפגאבען, אויב ניט אין גאנצען אונמעגליך. יעדענפאלס, קען מען דאס ניט ערגרייכען דורך רעדעס און רעזאלוציאנען.

---

אז בעלי־בתים זאלען ניט האבען קיין רעכט אן ארבייטער אוועקצושיקען, איז עטוואס וואס איז גאנץ פרעמד פון די אמעריקאנער יוניאנס. די אידעע קומט פון די אידישע יוניאנס אויף דער איסט־סייד. זי שטאמט אב פון יענער צייט, ווען די יוניאנס האבען געהאט צו קעמפפען מיט קליינע „באסיאקעס" און שניידער־קאנטראקטארלאך. אין יענע שעפער פלעגט אפט פאסירען, אז אזא סארט בעל־הבית'על פלעגט מיט איינמאל אויסגערונען ווערען און פאהרען אין די „קאונטרי" לעבען א גוטען טאג מיט די ארבייטערס ווייזשעס. ביי אזא קאנטראקטארעל האט מען אונבעדינגט געמוזט צונעהמען דאס רעכט אן ארבייטער אוועקצושיקען. עס האט אבער קיין שום זין ניט צו שרייען אז מען מוז דאס רעכט צונעהמען פון די אססאסיאיישען־בעלי־בתים. מיר ווייסען ביי זיך אין הארצען, אז מיר קענען דאס קיינמאל ניט דורכזעצען. מיר וועלען נור די לאגע ערגער מאכען.

אונזער „פאליסי" מיט דער אססאסיאיישען מוז זיין א קלארע און דייטליכע. וואס ניכער מיר וועלען אויפהערען „קלאפען אין באראן" וועגען זאכען, וואס מיר קענען קיינמאל ניט אויספיהרען, דאס בעסער וועט זיין פאר אונזער יוניאן.

---

ווי די מעמבערס וועלען *לערנען* פון די מיניטס פון *לעצטען* פיערטעל־יעהרליכען מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, איז בעשלאסען געווארען איבערצוגעבען צו א רעפערענדום וואוט, צו פערגרעסערען די פער קעפיטא פון 2½ סענט, וועלכע יעדער מעמבער צאהלט איצט צו דער אינטערנעישאנאל יוניאן, אויף 8 סענט.

פון דיעזע 8 סענט וועלען 3 סענט פערוועגדעט ווערען אויף אפיס און ארגאניזינג עקספענסעס, ווי אויך אויסצוצאהלען אינשורענס בענעפיט, און פון די איבעריגע 5 סענט די וואך זאל געצאהלט ווערען סטרייק בענעפיט.

---

דיעזען פלאן האט דער דזשענעראל סעקרעטער פארגעשלאגען אין זיין רעפארט צו דער *לעצטער קאנווענשאן אין באסטאן*. דארט האט מען די פראגע לאנג, לאנג דיסקוטירט (ווי דער סטייגער ביי אונז איז, צו דיסקוטירען א סך און טהאן ווייניג) און נאכדעם ווי די קאנווענשאן האט איבער דער פראגע פערבראכט א גאנצע זיצונג, איז בעשלאסען געווארען עס איבערצוגעבען צו א ספעציעלע קאמיטע. דיעזע קאמיטע, וועלכע איז בעשטאנען פון דעלעגאטען פון ניו יארק, פילאדעלפיא און שיקאגא, נאך מעהרערע זיצונגען, וועלכע האבען געקאסט דער אינטערנעישאנאל א היבשע פאר דאל. און נאכדעם ווי זיי האבען זיך געלאזט קאסטען אויף עקספערטען, האבען זיי אריינגעשיקט א רעפארט, שוין א יאהר נאך דער קאנווענשאן, וועלכע האט ענטהאלטען גראדע דיזעלבע רעקאמענדיישאן, דעם זעלבען פלאן, ד. ה. 8 סענט פער קעפיטא, וועלכע דער דזשענעראל סעקרעטערי האט רעקאמענדירט מיט א יאהר צוריק ביין קאנווענשאן.

---

איידער דער פלאן איז אנגענומען אדער איבערגעגעבען געווארען צום אבשטימען, האט זיך אונטערגעדרעהט דער דזשענעראל סטרייק אין קליוולאנד. דער סטרייק איז אונז ניט געלונגען, הויפטזעכליך דערפאר, ווייל די 350 טויזענד דאלאר, וועלכע דער דזשענעראל אפיס האט אויסגעצאהלט צו די סטרייקער איז אויסגעשנארט, אויסגעוויינט און אויסגעבעטעלט געווארען פון די לאקאלס און די מעמבערס; ווייל די געלד האט מען קיינמאל ניט געקענט קריגען אין דער צייט ווען מען האט זיי געדארפט; ווייל פאר די לעצטע צעהן, צוועלף וואכען פון סטרייק האט מען די סטרייק־פעי געמוזט אבלעגען פון איין טאג אויפ'ן צווייטען. דערפון האבען די סטרייקערס און די באסעס געקענט זעהן אז מיר זיינען אויף צרות, אז מיר מאטערען זיך מיט דער גסיסה, אז מיר האבען ניט מעהר קיין מיטעל פארטצוזעצען דעם סטרייק. איז עס דען א וואונדער אז ביין ענדע האבען די סטרייקערס פער־

נאָך אַ שריט צום סאָציאַליזמוס.

מיט דעם אויסגאַנג פון דעם אַלטען יאָהר האט מען אין דעם אַלטען ענגלאַנד אָבגעריסען נאָך א שטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער פעסטונג. דער גאַנצער טעלעפאָן־סיסטעם, וואָס האט פריהער בעלאַנגט צו א פּריוואַט־קאָמפּאַניע, איז איבערגעגאַנגען הכל שלכל צום פּאָסט־אָפיס. דאָס איז געווען א שטילע רעוואָלוציאָן. דער שריט וועט האָבען דריי דירעקטע פאָלגען. ערשטענס, ווערען איצט די עטליכע און זעכציג טויזענד ארבייטער בעשעפטיגט דירעקט פון דער רעגירונג און מוזען לויט אַן אַלטען כלל ארבייטען אונטער יוניאָן־קאָנדישאָנס, ווי די ארבייטער ווערען דאָרט פערטייטשט. צווייטענס, וועט דאָס פּובליקום בענעפיטירען דער־פון, וואָס די טעלעפאָנען וועלען איצט קאָסטען ביליגער. דריטענס, וועט די אידעע פון שטאאטס־פערוואַלטונג און שטאאטס־קאָנטראָל ווערען פעסטער איינגעוואָרצעלט אין דעם פאָלק׳ס געדאַנקען. דער ענגלישער פּאָסט־אָפיס, וועלכער שיקט ניט נור בריעף, נור אויך טעלעגראַממען און פּאַקעטען, און איז אויך דעם פאָלק׳ס שפּאָאַר־קאַסע, האָט אימער געהאַט אַ גרויסען פינאַנציעלען ערפאָלג. האָבענדיג אויך דעם טעלעפאָן־סיסטעם, וועלען זיינע געשעפטען און פינאַנצען ווערען שטאַרק פערברייטערט. די יאָהרען־לאַנגע אַגיטאַציע, אַז די אייזענבאַהנען זאָלען איבערגעהן צום שטאאַט און דאָס לאַנד זאָל בעלאַנגען צו דער גאַנצער נאַציאָן, וועט איצט פיעל אָבגעפרישט ווערען. אויב די טע־לעפאָנען, די טראַמוויי׳ען און א סך אַנדערע זא־כען ווערען פערוואַלטעט פון שטאַאַט מיט ער־פאָלג, קענען דאָך די אייזענבאַהנען און דאָס לאַנד אונטער שטאַאַטס־פערוואַלטונג ווערען אַ ברכה פאַר׳ן פאָלק אַנשטאָט וואָס זיי פילען איצט אָן די באַנק־ביכלעך פון די באַראָנען און פערזאורזאכען סטרייקס און אונרוהען.

# נאָטיצען

דער פונקט אין פּראָטאָקאָל, וואָס לויטעט, אַסאָסיאיישאָן הייזער, האָבען קיין רעכט ניט צו סטרייקען און דערמיט צו פערטהיידיגען זיך גע־גען געוויסע אונגערעכטע האַנדלונגען פון די בעלי־בתים, קען בענעפיטירען אונזערע מעמ־בערס נור דאַן, ווען די באָארד אָוו גריוועגסעס וועט זיי פאָלשטענדיג בעשיצען. עס זיינען פאַ־ראַן בעלי־בתים, וועלכע האָבען אַן אויג אויף די טהעטיגערע יוניאַ־לייט און ווילען זיך מיט זיי אָבּרעכענען דערפאַר וואָס זיי גיבען אכטונג אין שאָפּ, אַז דער מאַנופעקטשורער זאָל אָבהי־טען די יוניאָן־בעדינגונגען, ווי דער פּראָטאָקאָל לויטעט. די באָארד אָוו גריוועגסעס מוז זעהען שטרענג דורכפיהרען דעם זעקסטען פונקט פון פּראָטאָקאָל. לאָמיר זיך ניט נאַרען. עס וועט ווייטער ניט בעהויפּטען, אַז די פּראָטאָקאָל־בע־דינגונגען קענין אָנגעהאַלטען ווערען, ווען מען וועט דאָס אין גאַנצען איבערלאָזען צום גוטען רצון פון בעל־הבית.

---

די האַנדלונג פון די קלוירקס און פון די מעמבערס, וועלכע פערטרעטען די מאַנופעקטשו־רערס אין די באָארד אָוו גריוועגסעס, איז די לעצטע צייט זעהר מאָדנע. יעדעס מאָל, ווען מען ברענגט פאַר אַ קייס פון „דיסקרימינייש׳ען" געגען אַן אַסאָסיאיישאַן מעמבער, דערצעהלט מען אַ מעשה, אַז דאָס הייסט אריינמישען זיך אין דאָס רעכט פון די בעלי־בתים אַנצושטעלען און אָוועקצושיקען ארבייטער. דאָס איז שוין אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז מען דאַרף פּשוט זיך בעקלאָגען געגען דער באָארד אָוו גריוועגסעס. ווען די באָארד האָט זיך ענטזאָגט אָנצונעהמען בעווייזע געגען אַ געוויסען מאַנופעקטשורער, וועלכער האָט „דיסקרימינירט", וועלכער האָט אויסגעקליבען 16 פון די בעסטע און עלטסטע ארבייטער און האָט זיי אוועקגעשיקט, האָט זי געגעבען נעגוג אורזאכע אויף איהר זיך צו בע־קלאָגען. דיעזע קורצזיכטיגע טאַקטיק זייטענס די מעמבערס פון דער אַסאָסיאיישאַן קען צו קיין גוטעס ניט פיהרען. מיר וועלען זיכער ניט אָנהאַלטען אַזאַ פערשטענדיגונג מיט אַ מאַנו־פעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן, וואָס וועט זיי בעשיצען פון סטרייקס און וועט אין דער זעלבער צייט דיסציפּלינירען די ארבייטער אין די שע־פער. מיר וועלען ניט דערלאָזען, אַז די בעלי־בתים זאָלען קענען אוועקשיקען ארבייטער דער־

# אַ בריעף מעבר לים

פון בען טערנער (אידיש פון א. ר.)

## א לעבעדיגע װעלט אין ענגלאַנד.

מיט דעם נייעם יאָהר האָט זיך אָנגעהויבען אין ענגלאנד א ניי לעבען אין דער ארבייטער־בעוועגונג. און הגם מען געהט לאנגזאם אין יענער מדינה, פון דעסטוועגען קען מען נאָך א מאָל פיעל ווייטער דערגרייכען. די ערשטע אויף דער סצענע זיינען ארוים די באוועל־שפינער און וועבער. זיי האָבען ניט גערופען א דזשענעראל־סטרייק, אום זיך צו אָרגאניזירען, נור פערקעהרט, זיי האָבען זיך א גאנץ יאָהר אָרגאניזירט, אום צו זיין פאָרבערייט פאר א סטרייק. די ארבייטער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין צעהנדליגע טויזענדער. אין מאנכע שטעט זיינען 999 פון יערע טויזענד אריין אין דער יוניאָן. אין איין שטאָדט האָט אָן איין אייגציג פאָר פאָלק זיך איינגע׳עקשנ׳ט און זיך בעריהמט געמאכט. די קאפיטאליסטישע צייטונגען האָבען געמאכט דערפון א גאנצען צימעס: הפנים זיי האָבען דאָס פאָר פאָלק געוואָלט מאכען פאר „קאפיטאליסטישע מארטירער“. אייער ניו יאָרק „טיימס“ האָט פשוט געלעקט די פינגער פון דער כלומר׳שט „טרייד יוניאָניסטישער טיראניי“ און האָט דערצעהלט מעשות, אין וועלכע שקר און אמת זיינען געווען צוזאמענגעמישט. דאָס פאָר פאָלק האָט אָבער גאָר ניט אויסגעפיהרט. די ארבייטער האָבען בשום אופן מיט דאָס פאָרעל ניט געוואָלט ארבייטען און זיי האָבען נעבעך געמוזט פון שטעדטעל אנטלויפען.

די ארבייטער האָבען געהאט ברעה צו פאָדערען 5 פראָצענט געהעכערט אין וויידזשעס. נאטירליך האָבען די באוועל־מאגנאטען געהאט שטארק ברעה ניט צו געבען. האָבען זיי געכאפט דעם אָקס פאר די הערנער און געמאכט א לאָקאוט. דאָס האָט אָבער די ארבייטער ניט אָבגעשראָקען, ווייל זיי האָבען זיך געהאט פאָרבערייטעט מיט געלד און קרעפטען. אין זייער קאסע איז געווען אָנגעזאמעלט א גאנצער מיליאָן פונט שטערלינג (איבער 5 מיליאָן דאָלאר) האָבען 140 טויזענד ארבייטער אלזאָ געהאט א דאָפעלטען ניי־יאָהר יום־טוב. מאנכע פאמיליען האָבען גע־קראָגען צו 15 און 20 דאָלאר סטרייק־בענעפיט און האָבען געלעבט א טאָג ביים ים און אין אנדערע פערגעניגענס־פּלעצער.

די ארבייטער *האָבען געקאָנט שטעהן פעסט* גאנצע צעהן וואָכען, און אויב די בעלי־בתים וואָלטען געוון פער׳עקשנ׳ט, וואָלט זיי דער לאקאויט אָבגעקאָסט צעהנדליגער מיליאָנען פונטען. די רעגיערונג האָט אין דעם געזעהען אן אונגליק פאר׳ן לאנד און האָט זיך אריינגעמישט אלס א פשרה־מאכער. איצט איז דער לאקאויט געסעטעלט. אָבער ער האָט געלערנטביידע צדדים א גוטען לעסאָן. די קאפּיטאליסטען: דאָס ווען די ארבייטער זיינען פעראייניגט, קענען אפילו באוועל־מיליאָנערען געגען זייער מאכט ניט ביישטעהען. די ארבייטער: דאָס מיט פעראייניגטע קרעפטען און מיליאָנען אין דער קאסע קען פון א סטרייק ווערען — פשוט א פיקניק.

## וועלען די מיינערס סטרייקען?

זעקס הונדערט טויזענד קוילענגרעבער זיינען די נעכסטע ארויף אויף דער סצענע מיט דער פאָדערונג פון א „מינימום וויידזש“, דאָס הייסט, אז קיין ארבייטער זאָל ניט קריגען וועניגער ווי א געוויסע סומע אלס וויידזשעס. די מיינערס פעדעריישען האָט אָבגעהאלטען עטליכע קאָנפערענצען מיט די מינען־מאגנאטען, אָבער די מינען־מאגנאטען האָבען הארטע הערצער, ווי שטאָל, און ווילען ניט הערען און געדענקען. שטימען. די מיינערס איצט די פראגע: צו זאָל יע אָדער ניט זיין א דזשענעראל־סטרייק?

אז די מיינערס האָבען א גערעכטע זאך, צווייפעלט כמעט קיינער ניט. ביז אהער פלעגען די שטיק ארבייטער אויסארבייטען ניט מעהר ווי פון 25 ביז 50 סענט א טאָג. די מיינערס זיינען זיכער, אז זיי וועלען זייערע פאָדערונגען געווינען. זיי האָבען א פעסטע אָרגאניזאציאָן און א רייכע קאסע און אפילו, אז דער קאמפף זאָל זיך פערציהען, האָבען זיי אלץ די בעסטע אויסזיכטען.

דעם אינגארמאלען צושטאנד פון האלב באס און האלב ארבײטער. די סיסטעם איז, װי מיר האבען פריהער ערקלעהרט, אבגעשאפט געװארען.

צװײטענס: אײנגעפיהרט א סיסטעם, װעלכע די יוניאן שיקט פעהיגע ארבײטער פון אײן שאפ אין דעם אנדערען, צו העלפען די שאפ־קאמיטעס צו סעטלען פרײזען. די סיסטעם העלפט זעהר פיעל צו שטארקען די ארבײטער אין זײער בעדינגנען זיך װעגען פרײזען, און אײך אויסצוגלײכען די פרײזען פאר די עלבע ארבײט אין די פערשיעדענע שעפער.

דריטענס: אין אונזער טרײד, װאו עס זײנען בעשעפטיגט אן ערך 3500 ארבײטער אין 96 שעפער, האבען מיר אויסגעפיהרט, אז איבעראל זאל אבגעשאפט װערען פוט־פאוער, און דאס עס זאל אײנגעפיהרט װערען עלעקטריק־פאוער צו טרײבען די מאשינען. װיפיעל מענשליכע קרעפטען, װיפיעל געזונד און װיפיעל לעבענס מיר האבען דורך דעם געשפארט, איז שװער אויסצורעכענען. בײ אײן פירמע האט די ריפער מײקערס יוניאן געמוזט סטרײקען 15 װאכען און ספענדען אײניגע טויזענד דאלאר ביז מיר זײנען בײגעקומען די פירמע און איהר געצװאונגען אײנצופיהרען עלעקטריק־פאוער.

פיערטענס: דורך דעם יאהר 1911 האבען מיר געגעבען פאר'ן קלײװלאנדער סטרײק $7,200. בלויז א העלפט פון דיזער סומע איז גענומען געװארען פון דער יוניאנס טרעזשורי. די אנדערע העלפט האבען אונזערע מיטגליעדער געגעבען פרײװיליג. צוליעב דעם װאס אונזערע מיטגליעדער האבען דעם יאהר אין דורכשניט גוט פערדיענט, איז אונז אנגעקומען לײכט די סומע צו קאלעקטען.

פינפטענס: הארמאני אין דער יוניאן! די מיטגליעדער און די אפיסערס ארבײטען זעהר הארמאניש צוזאמען. צװישען זײ הערשט א געגענזײטיגער רעספעקט, א שטארקע פערטרויאונג. מען העלפט זיך און מען פערגינט זיך אײנע די אנדערע, װי גוטע ברידער!

מיר װאלטען נאך װעלען רעדען װעגען דער ברײטער ענטװיקלונג פון אונזער פאך, און אין װעלכע בעציהונגען מיר זײנען צו אנדערע יוניאנס אין דער קלאוק־טרײד, נור דאס װעלען מיר טהאן א צװײטען מאל.

פינאנציעלער בעריכט פון די ריפער מײקערס יוניאן (לאקאל 17), פון 31טען אקטאבער ביז דעם 31טען דעצעמבער, 1911.

---

**אײננאהמע:**

| | |
|---|---|
| אינישיאײשאן פיע | $ 1,124.90 |
| דיוס | 4,185.15 |
| קאנסטיטושאן ביכלעך | 49.10 |
| באטאנס | 1.50 |
| ספעשעל אסעסמענטס | 460.50 |
| דעפענס פאנד | 302.00 |
| פײנס | 25.00 |
| דאנײשאנס | 246.00 |
| פערשיעדענעס | 30.25 |
| סך הכל | $6,424.40 |

**אויסגאבען:**

| | |
|---|---|
| סעלעריס און פעיר | $ 1,266..93 |
| פאסטײדזש, סטײשאנערי, פרינט. | 39.31 |
| צו די אינטערנײשאנאל | 2,061.50 |
| רענט | 205.50 |
| סטרײק עקספענסעס | 10.55 |
| צו פערשיעדענע ארגאניזאציאנען | 315.50 |
| פערשיעדענעס | 228.98 |
| סך הכל | $ 4,128.27 |
| סורפלוס | 2,296.13 |
| סך הכל | $ 6,424.40 |
| פערמעגען אנפאנג קווארטאל | 13,029.60 |
| פערמעגען ענדע קווארטאל | 15,325.73 |
| אין באנק | $15,325.73 |

י. ראזען, סעק.

אַבשאַפן. און דאָ האָט זיך די יוניאָן געטראָפן מיט געגנער ניט נור אין דער זייט פון די באָסעס, נור אויך אין דער זייט פון די אָפּערייטאָרס, וועלכע האָבן געהאַלטן ארויסהעלפערס, און אויך אין דער זייט פון די, וועלכע זיינען ניט געווען קיין גאַנצע בעלי־מלאכות און האָבן געמיינט, אז די יוניאָן וויל זיי ארויסטרייבן פון טרייד, אַנשטאָט דעם, וואָס די יוניאָן האָט גאָר בעצוועקט, אז אלע זאָלן אַרבייטן פאַר זיך און דירעקט פון באָס, אָדער, אין די זעלטענערע פעלע, וואו א פּאָר ארבייטער וואָס קענען די ארבייט ניט מאכן איינציג און אליין, זאָלן אזעלכע ארבייטער קענען אַרבייטן בשותפות.

אזוי ווי דער ריפער טרייד האָט ניט קיין ספרינג־סיזאָן, איז דער אָבשאַפן פון דעם סעקשאָן־סיסטעם געווען אונמעגליך אין 1910, באַלד נאָכ'ן דזשענעראַל־סטרייק. מען האָט געמוזט ווארטען אויפ'ן נעקסטען פאַלל־סיזאָן, וואָס דאָס פאַנגט זיך ערשט אָן ביי אונז אין אַפּריל אָדער מאַי.

ווען די יוניאָן האָט זיך גענומען צו דער ארבייט, האָט זיך ביי די מיטינגען אָבגעטהאָן מעשים. די, וועלכע האָבן געהאַט עקסטרא פּראָפּיטען פון דער סעקשאָן־סיסטעם, האָבן געקעמפּפט געגען דער יוניאָן'ס שטרעבונגען. אין איינע פון די גרעסטע שעפּער פלעגען די ארבייטער, אונטערגעוואַרעמט פון באָס, קומען צו די מיטינגען מיט גאָר שטאַרקע געוואַלדען. עס איז גראָד אויסגעקומען, אז צווישען די פּערטהיידיגער פון דעם סעקשאָן־סיסטעם אין יענעם גרויסען שאַפּ, זיינען געווען א היבשע צאָהל סאָציאַליסטען, און זיי האָבן מיט גרויס גע־לערענטקייט געזוכט צו בעווייזען די אנדערע מיטגליעדער פון דער יוניאָן, אז דער לאָקאַל 17 שטעלט זיך אין גאַנצען געגען דער סאָציאַליסטישער לעהרע פון פּראָגרעס און אינדוסטריעלער ענטוויקלונג, ברענגענדיג לאַנגע ציטאַטען פון קאַרל מאַרקס, פון פרידריך ענגעלס און קאַוטסקי, אין וועלכע די גאונים פון סאָציאַליזמוס בעווייזען, אז „די סעקשאָן־סיסטעם אין דער ארבייט איז א נויטווענדיגקייט פאַר דער דורכפיהרונג פון דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג"!

א קאָמיטע פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד אונטער דער טשערמאַנשיפּ פון דזש. א. דייש האָט זיך גענומען צו אונטערזוכען די לאַגע פון די ארבייטער אין דעם בּע־טרעפענדען גרויסען שאַפּ, וואו עס האָבן גע־ארבייט פון 400 ביז 500 ארבייטער. די קאָמיטע האָט שפּעטער רעקאָמענדירט, אז מען זאָל פון דער ארבייט ניט סטאַפּען, נור מען זאָל די פראַגע איבערגעבען צו ארביטריישאָן. און אויף דעם פאָרשלאַג האָבן אלע איינגעשטימט.

צו דער ארביטריישאָן איז די פירמע געקומען מיט א גרויסען לאָיער, וועהרענד די יוניאָן איז געווען פערטראָטען דורך די געגאָסען מייער לאָנדאָן, דזש. א. דייש און דעם שרייבער פון דיזע ציילען. דער טשערמאַן פון דער ארביטריישאָן איז געווען דר. מאָסקאָוויץ.

די פאַקטען און די אַרגומענטען פון דער יוניאָן זיינען געווען אזוי פיעל און אזוי שטאַרק, דאָס די פירמע האָט נאָכגעגעבען די יוניאָן'ס פאָדערונג נאָך איידער דער ארביטרייטאָר איז געווען פערטיג מיט זיין ענטשיידונג. און דעם 25טען דזשולאַי, 1911, האָט די יוניאָן בעקומען א געסיינטען אגרימענט פון די גרעסטע פירמע אין דער ליין ארבייט די אַלטע סיסטעם אָבצושאַפן. כאַראַקטעריסטיש איז אויף דער פאַקט, דאָס ווען דער ארביטרייטאָר האָט ארויסגעגעבען זיין ענטשיידונג, איז עס אויך געווען לויט דער יוניאָן'ס ערוואַרטונג. די פירמע האָט ערענווירדיג אויסגעפיהרט איהר אָבמאַך מיט דער יוניאָן, אלע ארבייטער האָבן געקראָגען אר־בייט לויט זייערע פעהיגקייטען און די נייע סיסטעם האָט געבראַכט צו די ארבייטער פיעל בעסערע פערדיענסטען און פיעל האַרמאָנישערע בעציהונגען ווי פריהער אונטער דעם אַלטען פּלאַן.

אין די אנדערע שעפּער האָט שוין די יוניאָן ניט געהאַט קיין שוועריגקייטען אָבצושאַפן די אַלטע סיסטעם און איינצופיהרען נאָרמאַלע צושטענדע..

אין 1911 האָט, אַלזאָ, די טשילדרען קלאָוק און ריפער מייקערס יוניאָן ערווייכט איהר פולען זיעג. דער דזשענעראַל־סטרייק אין 1910 האָט בעפעסטיגט אונזער יוניאָן אין דער צאָהל מיטגליעדער, אין פינאַנסען און אין דעם וואָס אונזערע מיטגליעדער האָבן פיעל געוואָנען מאַטעריעל. אין 1911 האָבן מיר אָבער געהאַט צוגעקראָגען, ווי די אמעריקאנער זאָגען: „מאָר ביג טהינגס". דורך דעם יאָהר 1911 האָבן מיר, ערשטענס, אָבגעשאַפט סעטס און סעקשאָן־ארבייט, א סיסטעם, וואָס האָט אָנגעהאַלטען מעהר ווי 12 יאָהר, און האָט גע־האַלטען אונזערע ארבייטער צוטהיילט און אין

„אסאסיאיישאָנס" האָבען אָנגענומען דעם פראָטאָקאָל, זיינען מיר אויך ארונטער אונטער דעם אלגעמיינעם אבמאך. וועגען דעם זיעג פון האָבען א ריכטיגע יוניאָן־שאפ איז דאָך שוין אבגערעדט.

נון, אז אין יוניאָן איז געוואָרען לעבעדיג צוליעב דעם זיעג, איז אויך געוואָרען לעבעדיג אויף אן אנדער אופן. מען האָט געדארפט האָבען נאָך א ביזנעס־איידזשענט צו פערוואלטען די יוניאָן'ס געשעפטען. און דאָ זיינען די פריינדע פון דעם אלטען ביזנעס־איידזשענט אויפגעשטאנען תחית המתים. מיט שלאָגענדע ארגומענטען האָבען זיי איהם געוואָלט אריינברענגען צוריק אין יוניאָן. די לאגע איז צייטענווייז געווען אזוי שלעכט, אז מען פלעגט מוזען האָבען דעטעקטיווס און פאָליס אום אויפצוהאלטען די אָרדנונג אויף די מיטינגען און צו שיצען די לעבענס פון פיעלע מעמבערס.

מיט די ניינגס וואָס זיינע פאָר פריינדע האָבען זיך בענוצט האָבען זיי אין גאנצען פערלאָרען זייער ביסעל מאָראלען איינפלוס אויף די מעמבערס, און נאָך א בעדייטענדע אָנשטרענגונג פון די בעסערע מיטגליעדער, האָבען די מיטינגען אָנגעפאנגען צו זיין רוהיגער און די געשעפטען פון דער יוניאָן פלעגען פערהאנדעלט ווערען אויף א פריעדליכען אופן.

אלס צווייטער ביזנעס־איידזשענט איז ערוועהלט געוואָרען פריינד שאפיראָ, און ווען אין יוניאָן האָט איינגעטראָטען פריעדען, האָט מען זיך גענומען צו דער ארבייט אָבצושאפען אזא איבעל פון דער טרייד, פון וועלכען די מאסען ארבייטער האָבען געהאט געליטען פון דער צייט אָן, ווען די טרייד האָט זיך גענומען ענטוויקלען — פון אן ערך 12 אָדער 15 יאָהר צוריק. צו דעם איבעל האָט מען זיך יעצט גענומען, ווייל דער דזשענעראל סטרייק האָט איהם צוליעב געוויסע אורזאכען געלאָזען אונבעריהרט.

דער איבעל איז געווען בעקאנט אונטער דעם נאָמען „סעטס און סעקשאָן ארבייט".

אום צו ערקלעהרען ברייטער וואָס פאר א פלאָג דאָס איז וואָלט פערנומען צופיעל פלאץ. מיר וועלען דארום אין איינינע ווערטער זאָגען, וואָס די סיסטעם בעדייט.

„סעטס" בעדייט דער ארבייטען פון איינינע ארבייטער צוזאמען, צוטהיילענדיג די ארבייט צווישען זיך, אום דאָס ניכער אויפצומאכען. צווישען די סעטס ווערט די ארבייט צוטהיילט אין סעקשאָנס, אזוי אז יעדער אָפערייטאָר אָדער פרעסער מאכט דעם טהייל ארבייט, צו וועלכען ער איז מעהר פעהיג. די פערדיענסטען פון דעם סעט ווערען צוטהיילט אויף גלייך אָדער אויף פראָצענטען צווישען די ארבייטער פון דעם סעט.

סעקשאָן ארבייט בעדייט, דאָס דער באָס אליין פיהרט איין דעם פלאָן אין דער ארבייט, וואו קיין גאנצער ארבייטער פאר'ן גארמענט איז ניטאָ און איז ניט מעהר נויטיג. יעדער ארבייטער ספעציאליזירט זיך צו מאכען א קליינעם טהייל פון דעם גאנצען גארמענט. די סיסטעם אָדער פלאָן פון ארבייט מאכט מעגליך, אז די ארבייט זאָל קענען אויפגעמאכט ווערען פיעל גיכער און ביליגער. די גיכקייט און די ביליגקייט שעדיגט אָבער די אלגעמיינע פערדיענסטען פון די ארבייטער, און ערנידעריגט זייער פעהיגקייט אלס בעלי־מלאכות. און דאָס ברענגט צו דעם, אז מען זאָל אלץ לייכטער קענען אויסקומען אָהן פיעלע ארבייטער, און מען זאָל אלץ גרינגער קענען אויסקומען מיט לערנערס און ארויסהעלפערס.

אין דעם ריפער־טרייד האָט מען אין פיעלע גרויסע און קליינע שעפער געארבייט אויף דעם דערמאָנטען סיסטעם פון סעטס און סעקשאָנס, און דער סיסטעם האָט געגעבען א סך געלעגענהייטען צו מאנכע ארבייטער צו פערכאפען די ארבייט אין די שעפער, מאכענדיג צו ליידען די יעניגע, וועלכע האָבען אין סעטס אָדער אויף סעקשאָן ארבייט ניט געוואָלט ארבייטען. די סיסטעם האָט אויך געבראכט דערצו, אז מאנכע ארבייטער פלעגען האלטען מעהרערע ארויסהעלפער, און די לעצטע פלעגען ווערען עקספלואטירט ערגער זוי פון די באָסעס דירעקט.

ארבייט פלעגט ווערען אָנגענומען אויף א ביליגערען פרייז מיט דער אויסרעכענונג, אז דורך דעם וואָס מען וועט ארבייטען אין א סעט און די ארבייט איינטהיילען אין סעקשאָנס, וועט מען דאָך קענען אויסארבייטען א וואָך ווייזשעס. אָפט פלעגען אָפערייטאָרס אָננעהמען ארבייט פאר ביליג און באלד פרובירען צוצוטרייבען זייערע ארויסהעלפערס, כדי די ביליגע ארבייט זאָל דאָך איינברענגען דעם הויפט־אָפערייטאָר א גוטע „פיי־דיי".

די טשילדרענס קלאָוק און ריפער מייקערס יוניאָן האָט דיזען סיסטעם פון ארבייט געוואָלט

אין סטרייק, איז אונזער ענטפער געווען, דאָס דער אַגרימענט איז נור געווען געמאַכט וועגן די אָפּערייטאָרס, און אַזוי ווי דער סטרייק איז יעצט, סטרייקען דאָס די אָפּערייטאָרס צוליעב די אַנדערע אַרבייטער, פאַר וועמען קיין אַגרימענטס זיינען ניט געוואָרען אונטערגעשריעבען.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין יוניאָן, און פאַר'ן סטרייק, האָבען מיר געהאַט בלויז איינינגע הונדערט גוטשטעהענדע מיטגליעדער. אויפ'ן בוך האָבען מיר, נאַטירליך, געהאַט גאָר אַ סך מעמבערס, נור צוליעב די קריעגערייען אין יוניאָן פלעגען נור אַ פאָר הונדערט געפינען פאַר וויכטיג צו צאָהלען דיוס. מיר האָבען אין אַ פערהעלטניסמעסיג קורצער צייט געוואונען דעם צוטרויען פון די מעמבערס. די דיוס אין יוניאָן האָבען אָנגעפאַנגען אריינקומען אין בעדייטענדע סומען. אָפּטמאָל אַזוי פיעל ווי זאָגאַר 200 דאָל. אַ וואָך. די האַרמאָניע צווישען די בעצאָהלטע אָפיסערס און די עקזעקוטיוו מיטגליעדער האָט באַלד גענומען ברענגען גוטע פריכטע. דער לאָקאַל האָט אויך גענומען אָבצאָהלען שולדען, וועלכע האָבען צו יענער צייט בעטראָפען נאָהענט צוויי טויזענד דאָלאַר. די שולדען זיינען געווען צו דער אינטערנייִשאָנאַל, צו לאָיערס, צו פרינטערס און צו אַנדערע בעלי חובות.

ווען די צייט פון דזשענעראַל סטרייק איז אָנגעקומען גאָר נאָהענט, האָבען אַ סך פון אונזערע מיטגליעדער באמת ניט געוואָלט אַנטהייל נעהמען. די מיטגליעדער האָבען זיך גערעכענט מיט דעם פאַקט, וואָס מיט קנאַפע פיער יאָהר צוריק האָבען שוין די ריפער־מייקערס געהאַט דורכגעמאַכט אַ לאַנגען סטרייק, וועלכער איז אויך געווען דאַן ערפאָלגרייך, נור ביסלעכוויין איז פיעלעס פון די געווינסען פערלאָרען געגאַנגען, צוליעב דעם ניט אָרגאַניזירטען צושטאַנד פון די קלאָוקמייקערס, וועלכע פלעגען אָפט פערפלייצען די יוניאָן־שעפער און זיי מאַכען פערלאָרען געהן פאַר די ריפער מייקערס יוניאָן. די 16 יוניאָן־שעפער וואָס מיר האָבען פריהער דערמאָנט, זיינען געווען, וואָס מען קען אָנרופען, איבערגעבליבענע אָדער אָבגערופענע. דאַרום, ווען דער קלאָוק סטרייק האָט זיך אָנגעפאַנגען, זיינען די מיטגליעדער פון לאָקאַל 17 געווען אונענטשלאָסען וואָס צו טהאָן, מיט־סטרייקען אָדער ניט־סטרייקען איז געווען אויפ'ן טאָגעסאָרדנונג. נור ווען די אינטערנייִשאָנאַל האָט אונז גערופען אַנטהיילצונעהמען אין דיעזען קאַמפף, כדי מיר זאָלען קענען אָבהיטען אונזערע שעפער פון ווערען פערוואַנדעלט אין שעפער וואו סטרייקאַרבייט זאָל קענען געמאַכט ווערען, און דאָס מיר זאָלען אויך אין אונזערע שעפער קענען איינפיהרען גלייכע קאָנדישאָנס ווי אין די קלאָוקשעפער, דאַן נאָך דיזער אויפפאָדערונג האָבען זיך אונזערע מעמבערס שוין געפיהלט דרייסטער און זיינען אַלע אַרונטער אין סטרייק, צוגלייך מיט די קלאָוק און סקוירט מייקערס.

אונזערע קאָמיטעס האָבען געאַרבייט ווי ד ביהנען און אַרום 3000 ריפער מייקערס האָבען זיך אין סטרייק בעטהייליגט. אַ מאָנאַט האָבען אַלע געאַרבייט, אַזוי ווי זייער לעבען וואָלט אָבגעהאַנגען אָן דעם ערפאָלג פון דעם סטרייק. נון, וואָס איז דער וואונדער אַז מיר האָבען געוואונען? ס'איז אַוועק אַ מאָנאַט און אַלע מאַנופעקטשורערס אין אונזער ליין האָבען געסעטעלט מיט דער יוניאָן. אַלע, אחוץ איינעם

מיר האָבען דאַן קאָנצענטרירט אונזערע קרעפטען אויף דעם איין שאַפ. דער קלאָוק סטרייק האָט נאָך אויך אָנגעהאַלטען און דאַרום האָבען מיר פעררופען אַ מאַס־מיטינג, וואו די פריינדע ב. שלעזינגער פון ניו יאָרק און אב. ביזנאָ פון שיקאַגאָ זיינען געווען די הויפטרעדנער. די פראַגע פאַר'ן מיטינג איז געווען, דער קריגען געלד פאַר'ן קלאָוק סטרייק און אויך פאַר די סטרייקער פון דעם איין ריפער־שאַפ, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט געסעטעלט. ביי דעם מיטינג איז געוואָרען בעשלאָסען, אַז די ריפערמייקער זאָלען שאַפען $1000.00 אַ וואָך פאַר די קלאָוקמייקערס, און מיר האָבען דאָס געשאַפען, אַזוי לאַנג ווי דאָס איז געווען נויטיג! אונזערע אייגענע סטרייקער האָבען מיר געגעבען פינף דאָלאַר אַ וואָך, דאָס איז געווען צוויי דאָלאַר אַ וואָך מעהר, ווי די קלאָוקמייקערס האָבען געקראָגען.

צו די ריפער־מייקערס האָט דער דזשענעראַל סטרייק געבראַכט גאַנץ בעדייטענדע פערבעסערונגען. אין מאַנכע פלעצער זיינען די שטיקפרייזען און די וועכענטליכע ווייִדזשעס געשטיגען ביז 40 פראָצענט. יעדער אַרבייטער אין אונזער ליין האָט אָנגעפאַנגען צו פערדיענען פיעל מעהר ווי פריהער. די אַרבייט־שטונדען זיינען געשטעלט געוואָרען אויף 50 אַ וואָך, פאַר אַ צייט האָבען אונזערע מיטגליעדער גאָר געאַרבייט 48 שטונדער, לויט ווי דער אָריגינעלער אַגרימענט האָט געפאָדערט. נור שפעטער, ווען די

# די ניו יאָרק קלאָוק און ריפּפער מייקערס יוניאן

(אַן איבערבליק איבער דער טהעטיגקייט פון לאָקאַל 17)

פון מ. ליעדער
בינעס מענעדזשער פון לאָקאַל.

אין דיעזען אַרטיקעל וועלען מיר בלויז פרובירען צו ברענגען אייניגע פון פיעלע פּאַסירונגען אין דעם לעבען פון לאָקאַל 17, אום צו ווייזען פאַר די לעזער פון „ליידיעס גאַרמענט וואָרקער", וואָס פאַר אַ סאָרט לאָקאַל דאָס איז, וואָס דער לאָקאַל טהוט אויף פאַר זיינע מיטגליעדער, און וואָס פאַר אַ מיטגליעד דער לאָקאַל איז אין אונזער אינטערנעישאָנאַל יוניאָן.

אונזער בעשרייבונג פאַנגט זיך אָן פון מאַי 1910, ווען דער שרייבער פון דיעזע ציילען איז אַנגעקומען אין דער יוניאָן אַלס ביזנעס־איידזשענט.

נאַטירליך, לאָקאַל 17 האָט אַ לענגערע געשיכטע ווי בלויז פון דער אַנגעגעבענער צייט, נור אַזוי ווי ביי פיעלע אַנדערע יוניאָנס, האָט מען זיך ביז היינט ביי אונז ניט געזאָרגט צו פערשרייבען די פּאַסירונגען פון דער יוניאָנ'ס לעבען, פיר דעם נוצען פון היסטאָריקער, און דערווייל זיינען נאָך אויך ניט אויפגעקומען די מענשען, וואָס זאָלען האָבען די צייט און דעם ווילען, זיך צו גריבלען אין די רעקאָרדס פון לאָקאַלע יוניאָנס און זייער געשיכטע צוזאַמענצושטעלען.

אין מאַי 1910 האָט דער לאָקאַל געמיטעט אין אַ קליינע רומקע איבער אַ סאַלון. ניט דער סאַלון־קיפּער און ניט די יוניאָן האָבען זיך געקימערט פיעל דענט מען צאָהלט פאַר'ן פּלאַץ. די הויפּט־זאַך איז געווען אַז ביידע, דער סאַלון־קיפּער און די מעמבערס, זאָלען זיך פיהלען צופריעדען מיט דער צאָהל שנעפּסלעך וואָס מען מאַכט ווען מיטינגען ווערען אָבגעהאַלטען. ווען די עקזעקוטיוו פלעגט אָבהאַלטען איהרע זיצונגען, דאַן פלעגט דער סאַלון־קיפּער אַליין אַרויפקומען אַ פרעג טהאָן, צי מען דאַרף ניט אַביסעל אָבנעצען דעם גומען.

ווען מיר זיינען אַנגעקומען אין יוניאָן, איז אונז די מעטהאָדע פון צאָהלען רענט גאָר ניט געפעלען געוואָרען. איבערהויפּט האָבען מיר בעטראַכט דעם האַלטען מיטינגען אין אַ סאַלון פאַר אַ זעהר שעדליכען פּלאַץ, און דעם סאַלון־קיפּער פאַר אַ גאַנץ אונפּאַסענדע פּערזאָן ביי די עקזעקוטיוו מיטינגען.

גאָר אונהייליג איז דער פּלאַץ ניט געווען, ווייל אַלע שבת און אַלע ימים טובים פלעגט די „חברה לאַכאַצאַנער" דאַוונען אין זעלבען רום וואו מיר האָבען געמיטעט און וואו אונזער אָפּיסדעסט (די גאַנצע פאַרניטשור פון יענער צייט) איז געשטאַנען. פיעלע מאָל פלעגט טרעפען אַז מיר פלעגען זיך מוזען אונטעראייּלען צו ענדיגען אונזערע מיטינגען, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר די לאַכאַצאַנער צו דאַוונען מנחה אָדער מעריב.

ווען מיר זיינען אַנגעקומען אין יוניאָן אַלס ביזנעס־איידזשענט, האָט נאָך די יוניאָן ניט געהאַט געענדיגט איהר קריעג מיט דעם אַלטען ביזנעס־איידזשענט, — אַ קריעג וואָס האָט אין דער יוניאָן אַנגעהאַלטען אַ לאַנגע צייט. ביי יעדען מיטינג פלעגען פאָרקומען סקאַנדאַלען, פעראורזאַכט פון דעם אַלטען ביזנעס־איידזשענט אַליין און פון זיינע פריינדע, וואָס האָבען אַלץ געזוכט „סאַטיספעקשאָן" אום צו שטערען די יוניאָנ'ס אַרבייט. איבערהויפּט פלעגט זיך די פיינדשאַפט פון דעם טהייל מעמבערס אַרויסווייזען יעדען מאָל, ווען מיר פלעגען מאַכען אַ פאָרשלאַג פאַר געוויסע ענדערונגען אין דער יוניאָנ'ס ביזנעס־פיהרונג. די „נייע הערשאַפט" פלעגט זיי ניט געפעלען.

אונזער אָנקומען אין יוניאָן איז געווען אין דער זעלבער צייט, ווען צווישען די מאַסען אַרבייטער פון קלאָוקס טרייד האָט זיך געהאַט פערברייטעט דער פערלאַנג פאַר אַ דזשענעראַל סטרייק. די ריפּער מייקערס יוניאָן האָט דאַן געהאַט 16 שעפּער אונטער דער יוניאָנ'ס קאָנטראָל. די פעראַנטוואָרטליכע מעמבערס פון דער יוניאָן האָבען גערעכענט אַז אַזוי ווערט שוין אונזער מאַכט אָנהאַלטען, פיליייכט מיט אַ געוויסע פערשטאַרקערונג שפּעטער. אָבער ווען דער סטרייק אין קלאָוק טרייד איז געוואָרען אַרויסגערופען, זיינען אונזערע אַלע אַרבייטער אויך געוואָרען היננעריסען, — די געסעטעלטע ווי די ניט־געסעטעלטע שעפּער זיינען אַלע אַרונטער אין סטרייק.

ווען די מאַנופעקטשורערס וואָס האָבען געהאַט אַגרימענטס מיט דער יוניאָן האָבען געפרעגט, וואָרום מיר האַלטען זייערע אַרבייטער

אז די לופט איז פול מיט ענטריסטונג נעגען זײ און געגען דער דזשורי, װאס האט זײ זא צו זאגען רײנגעװאשען. די באסעס אלײן פיהלען, אז דער אורטהײל „ניט שולדיג" האט זײ ניט געמאכט אויסצוזעהן אונשולדיג אין די אויגען פון פערשטענדיגע מענשען. בײ די מיליאנען מענשען, װעלכע האבען די צײטונגען געלעזען, האט ניט געהערשט דער מינדעסטער צװײפעל, דאס די בעװײזע פון דעם אסיסטענט דיסטריקט אטארני באסװיק און פון די אנדערע עדות זײנען געװען דײטליך און איבער־געגוג, די באסעס צו פער'משפט'ען. און דאך — דאך איז דעם דזשארזשעס אנזאג צו דער דזשורי געװען אזוי שלעכט, און די בעגריפע פון דער דזשורי גופא זײנען געװען אזוי טעמפ, דאס זײ האבען ארויסגעטראגען דעם אורטהײל „ניט שולדיג".

* * *

אבער, װי געזאגט, זאגאר הערים און בלענק אלײן פיהלען, אז בײ די מיליאנען װאס האבען געהערט און געלעזען װעגען דעם פײער און װעגען דער טרײעל, אז בײ די מיליאנען האבען די באסעס ניט קײן אנדער נאמען װי מערדער, און פאלגליך, פרובירען יעצט דיעזע באסעס זיך רײן צו װאשען אויף אן אנדער אופן. הערים און בלענק װילען געװינען א בעסערען נאמען דורך גאנצע פײדזשעס אדװערטײזמענטס אין הוירסט'ס צײטונגען, און פרובירען זיך צו װײזען פאר'ן עולם, אז די דזשורי האט יע ריכטיג פערשטאנען די פעקטען.

גײן, קײנער איז ניט צופריעדען מיט די ענדע פון דער טרײעל. װעגען די פרײנדע פון די קרבנות איז דאך אבגערעדט. נאר אויך פיעלע דזשורי לײט שפרעכען זיך יעצט אויס, אז זײ האבען מיספערשטאנען דעם דזשארזש, דער דזשארזש פערענטפערט זיך, אז ער האט איבערגעגעבען צו דער דזשורי צו אורטהײלען, דער דיסטריקט אטארני איז ניט צופריעדען און רעכענט אז די גערעכטיגקײט איז דא פערלעצט געװארען. און דער ברײטער עולם פיהלט, אז ער איז דא שרעקליך אבגענארט געװארען.

אמת, הערים און בלענק האבען דערװײלע געראטעװעט זײער פעל פון פערפוילט צו װערען אין געפענגנים, דאך, אזוי לאנג װי זײערע אײגענע אויגען זײנען ניט צוגעמאכט אויף אײביג, שרעקט זײ די עפענטליכע מײנונג פון דעם עולם, און די שאטענס פון די 147 קרבנות, און דערפאר זעהען מיר, דאס נאך דעם װי א דזשורי האט ערקלעהרט הערים און בלענק פאר ניט שולדיג, פיהלען זײ דאך די נויטװענדיגקײט פיר לאנגע אדװערטײזמענטס אין די צײטונגען, זיך צו רעכטפערטיגען אין די אויגען פון פובליקום.

* * *

פון דער צײט, װאס אונזערע לאקאלס אין דער קלאוק, סקוירט און לײדיעס טײלארינג טרײד זײנען שטארק געװארען, און די אײנשרײב־געלד איז געװארען געהעכערט, געפינען זיך פערזאנען װאס בעגעהען אלערלײ שװינדעל, נור צו װערען אנערקענט פון די לאקאלע יוניאנס, אלײן ניט אײנצאהלנדיג קײן אײנטריט געלד.

אין די שעפער פרובירען די לײטע צו ארבײטען אויף געליהענע אדער גע'גנב'עטע ביכלעך, און פאר די ביזנעס־אײדזשענטס אדער סעקרעטערע איז אפטמאל שװער אויסצוגעפינען, צי דער װאס האט דעם ביכעל איז יע אדער איז ניט דער מיטגליעד װאס האט זיך אײנגעשריעבען אין דער יוניאן.

לעצטענס האט מען אויך גענומען שװינדלען מיט טרענספערס. מען בעקומט ערגעץ א טרענספער, און מיט דעם טרענספער בעקומט מען א ביכעל און אזוי געהט דער שװינדעל פארװערטס.

מיר װילען דארום אויפמערקזאם מאכען אונזערע סעקרעטערע פון לאקאלס, צו פערלאנגען אז יעדער מיטגליעד זאל אונטערשרײבען זײן נאמען אויף א געװיסען פלאץ פון זײן דיוק־בוך, און דאס זעלבע זאל א מעמבער טהאן, װען ער נעהמט ארויס א טרענספער. דאן, װען א ביזנעס־אײדזשענט אדער א סעקרעטער װעט האבען א פערדאכט אויף װעמען עס איז, צי דער ביכעל בעלאנגט צום פערזאן בײ װעמען מען געפינט דאס, דאן װעט אן אונטערשריפט פון פערזאן זײן א גוטע הילף אויסצוגעפינען די ריכטיגקײט צו װעמען דער ביכעל בעלאנגט.

א נײע אונטערשריפט מוז אויך געפאדערט װערען פון דער פערזאן, װעלכע ברענגט א טרענספער. אויף אזא ארט װעט פיעל שװינדעל פערמיטען װערען.

**אן אײגענער.**

לייכט אבברעכען דעם לאָקאַל 56 פון די קלאָוק און סקוירט אָפּערייטאָרס, האָט דער פּרעזידענט פון דער אינטערנייִשאָנאַל אינסטרואירט דער באָסטאָנער דזשאָינט באָארד, צו ערקלעהרען דעם סטרייק אַלס אונגעזעצליך און די ארבייטער זאָלען צוריקגעהן ארבייטען.

עס האָט זיך נאָכהער אַרויסגעוויעזען, אַז אַ גרויסע צאָהל פּרעסערס האָבען זיך שוין געהאַט נאָך פריהער בעשטעלט פּלעצער, אָהן דעם וויסען פון דער יוניאָן. די וואָס וועלען יעצט דאַרפען ליידען וועלען זיין די קלאָוקמייקערס. פיעלע פון זיי וועלען וואהרשיינליך פערלירען זייערע פּלעצער צוליעב דעם טומעל וואָס די אונבעזאָנענע האַנדלונג פון דעם פּרעסער לאָקאַל האָט פערורזאַכט.

* * *

מיר האָבען לעצטען מאָנאַט בעריכטעט צו אונזערע לעזער דעם פעקט, דאָס מיס גערטרוד בארנום און אַ קאָמיטע פאָהרען ארום איבער'ן לאַנד ערצעהלען וועגען די בערינגונגען וואָס האָבען ארויסגערופען דעם קליוולאַנדער קלאָוקסטרייק און ווי זיי ווירקען איבעראַל, אַז די קליוולאַנדער מאַנופעקטשורערס זאָלען קומען צו אַ סעטעלמענט מיט דער אינטערנייִשאָנאַל יוניאָן.

די בעריכטען פון איבעראַל זיינען זעהר ערפרעהענדע. צום ביישפּיעל, אין יאָנגסטאָן, פּענסילווייניא סטייט, האָבען די האַנדעלס־לייט פון שטאָדט אונטערשריעבען אַ פערלאַנג צו די קליוולאַנדער קלאָוק מאַנופעקטשורערס אסאָסיאיישאָן, אַז די אסאָסיאיישאָן זאָל איבערגעבען די צוויסטיגקייטען צווישען די באָסעס און די יוניאָן צו אַן ארביטריישאָן קאָמיטע. אַזאַ פּאָסירונג איז בעדייטענד. די ווימענס קלובס און די טרייד־יוניאָנס האָבען געפּאַסט עהנליכע רעזאָלוציאָנען און זיך פערפּפליכטעט ניט צו קויפען קיין קליוולאַנדער קלאָוקס און סקוירטס.

דאָס זעלבע וויעדערהאָלט זיך אין אייקראָן, אָהייאָ און אין אַנדערע שטעדט, וועלכע אונזערע קאָמיטעס בעזוכען. אַז די ארבייט האָט אַ בעדייטענדע ווירקונג, ווייסען מיר פון פיעלע קוועלען. אין קליוולאַנד גופא איז צייט נאָכ'ן סטרייק דאָ גאַנץ ווייניג ארבייט. די באָסעס זאָגען אָפען, אַז אין דעם איז שולדיג די בּאָיקאָט אגיטאַציאָן פון דער אינטערנייִשאָנאַל, און דאָס פאַר די זעלבע וואארע בעקומען זיי צוליעב דעם באָיקאָט אַ קלענערען פּרייז. ס'פערשטעהט זיך, אַז די אינטערנייִשאָנאַל יוניאָן האָט ניט אָנגעפאַנגען די אגיטאַציאָן אויף שפּאָס אָדער צוליעב אַ ברוגז. די אגיטאַציאָן איז אונטערגענומען געוואָרען מיט אַ געוויסען ציעל, און דער ציעל, שיינט אונז, וועט שליסליך ערדייכט ווערען. די קליוולאַנדער מאַנופעקטשורערס וועלען נאָך אַ צייט מיט אונז ניט פערטיג ווערען.

* * *

איינע פון די דעטעקטיוו און סקעב אייִדזשענסיס, וואָס האָט „געארבייט" פיר די קליוולאַנדער באָסעס, האָט פערלאַנגט פון זיי „רעפערענסעס", ווי גוט די אייִדזשענסי האָט ערפילט איהר קאָנטראַקט. אין אַזאַ פאַל קומט נאַטירליך אויס, אַז דער ניט געבען קיין רעפערענס צו דער אייִדזשענסי וואָלט געהייסען, זיך מודה זיין אַז מען איז געווען אויף גרויסע געבראָטענע צרות. יעדער וואָס גיט רעפערענס אין אַזאַ פאַל וויים, אַז די אייִדזשענסי וועט דיעזע רעפערענס דרוקען און פונאַנדערשיקען איבער'ן לאַנד, און דאָס איז אַ גוטע אַדווערטייזמענט פאַר דעם וואָס גיט די רעפערענס, ניט ווייניגער ווי פאַר דעם וואָס האָט די רעפערענס געקראָגען.

די לאַנדסמאַן און הירשהיימער קאָמפּאַני שרייבט צו דער אייִדזשענסי, דאָס „אונטער די אומשטענדען האָט איהר (די סקעב־אייִדזשענסי) געטהאָן אייער בעסט". די ווערטער „אונטער די אומשטענדען" איז ניט קיין שלעכטער אויסדרוק. ניט אמת?

די פרענקעל און פרענקעל קאָמפּאַני שרייבט צו דער זעלבער סקעב־אייִדזשענסי, אַז די סקעבס זיינען געווען „אַ פרעטי גוד לאָט". נון, דאָס איז אויך ניט קיין שלעכטער נאָמען פיר סקעבס. ווי זאָגט איהר? אין דער אמת'ן, וואָס האָבען די באָסעס אַנדערש געקענט זאָגען, אום זיך ניט צו שווארצען דעם פּנים? דאָך איין זאַך האָבען די באָסעס פּאָרט זיך אָבגעהאַלטען פון צו זאָגען, און דאָס איז נעמליך דיעזס, לאַנסמאַן און הירשהיימער און די אַנדערע פירמאַ האָבען ניט געזאָגט, אַז די סקעבס זיינען געווען אַזוי קאָמפּעטענט, אַזוי ארבייטס־פעהיג, ווי די סטרייקערס זיינען געווען! די פירמאַס האָבען אויך ניט געזאָגט אַז די סקעבס זיינען זיי גענוג געווען. ניין, דאָס האָבען די באָסעס ניט פּראָבירט צו שרייבען אין זייערע רעפערענסעס. די דערמאָנטע פירמאַס האָבען ניט געשריעבען אין זייערע רעפערענסעס געגוי, וואָס פאַר סקעבס זיי האָבען געהאַט, וויפיעל זיי זיינען געווען אין צאָהל, וואָס זיי האָבען אויפגעטהאָן און, וואָס די סקעבס האָבען זיי אָבגעקאָסט. ניין, קיין געגויאיגקייטען זיינען אין די רעפערענסעס צו דער סקעב אייִדזשענסי ניט דערמאָנט. ווי זאָגט דער אמעריקאַנער? דהער איז איי ריזאָן!

* * *

די אַלגעמיינע אינטערעסע וועלכע מענשען נעהמען נאָך היינט אין דעם אונגליק וואָס האָט פּאַסירט אין דער „טרייענגעל" ווייסט פעקטאָריווייזט, אַז די טרייעל וואָס איז לעצטענס פאַרגעקומען און דעם אורטהייל „ניט שולדיג" (?) וואָס די דזשורי האָט ארויסגעטראָגען איבער די „טרייענגעל" באָסעס, איז נאָך אַלעמען ניט דאָס לעצטע וואָס וועט נאָך געהערט ווערען איבער דער קאַטאַסטראָפע.

די באָסעס אַליין, הערים און בלענק, פיהלען

שוין דער בעאמטער צי ער וועט קענען אויף זיין אמט פערבלייבען, וואס קען אלזא די ארבייט פון אזא בעאמטען שוין טויגען? אונגעאכטעט ווי וועניג מיטגליעדער עס קומען שטימען, מוז מען זיך דאך צוגרייטען פאר אלעמען, און דער רעזולטאט איז דאס די צוגרייטונג צו די וואהלען קאסט די לאקאלס א מאסע געלד און ענערגיע, וואס וואלט מיט א סך מעהר גוצען געקענט פערווענדעט ווערען פאר עטוואס אנדערש.

* * *

די וואס האבען מורא דאס עלעקשאנס אלע יאהר אנשטאט אלע זעקס מאנאט, וועלען צופיעל בעפעסטיגען דעם בעאמטען אויף זיין פלאץ, די וואס האבען מורא פאר דעם, ווילען מיר זאגען אז זייער פורכט איז גאנץ אומזיסט.

די עקזעקוטיווס פון אונזער לאקאלס און די דזשאינט באארד האבען אימער דאס רעכט און האבען אימער די מאראלע קראפט צו סוספענדירען א בעאמטען, ווען דיעזער בעאמטער טויג ניט, אדער ווען ער וויל ניט ערפילען די פליכטען פון זיין אמט. ווען די טערמינען פון דעם אמט זיינען קורצע, דאן טראכט זיך די עקזעקוטיווע אדער די דזשאינט באארד: „אט, וואס וועלען מיר זיך שוין טראבלען וועגען דעם, באלד, נאך א צוויי מאנאט, אדער נאך א דריי מאנאט, וועט שוין זיין נייע וואהלען, דאן וועלען מיר ערקלערען די מיטגליעדער וואס מיר ווייסען וועגען דעם בעאמטען.“

אט דער בעגריף און די פראקטיקע עקזיסטירט היינט, און אז דער בעגריף און די פראקטיקע איז א שעדליכע, האט זיך שוין א סך, א סך מאל ארויסגעוויזען. ליידער לערנען אונזערע מיטגליעדער זעהר לאנגזאם. עס זואלט געזוען העכסט ראטהזאם, אז צוליעב דעם וואס נעקסטען דזשון און דזשולאי וועלען אונזערע לאקאל *יוניאנס זיין פיעל פערנומען מיט דעם אינטער*נייעשאנאל קאנווענשאן, זאל די פראבע פון סוספענדען דעם רול פון זעקס-מאנאטליכע *עלעקשאנס געמאכט ווערען.* די צייט וואלט געווען א גוטע געלעגענהייט צו פרובירען א פראקטישע זאך.

* * *

ווען מיר וועלען האבען די וואהלען פיר ביזנעס-אייגדזשענטס און סעקרעטערים אלע יאהר אנשטאט אלע *זעקס מאנאט, וועלען די יוניאנס* צוציהען פיר די עמטער פיעל מעהר פעהיגע מענשען, די וואס האבען היינט מורא צו פערלאזען זייערע פלעצער צוליעב אן אמט פאר איינינע מאנאט, די מענשען וועלען דאס מעהר גערן טהאן, ווען עס וועט זיך האנדלען וועגען א שטעלע אויף א גאנצען יאהר, מיט דער געלעגענהייט דעם אמט אנצוהאלטען אויך א צווייטען יאהר. עמטער אויף קורצע טערמינען וועלען אונז זעלטען ברענגען פעהיגע מענשען.

עלעקשאנס אלע יאהר וואלטען אויך געמאכט זעלטענער די שעדליכע און אפטמאל די שענדליכע מארדע-רייבערייען וואס מען הערט זיך אן ביי מאנכע יוניאן מיטינגען, ווען עס האנדעלט זיך ביים פארשלאגען און ביי דעם ערוועהלען בעצאהלטע בעאמטע.

טרייד יוניאנס מוזען נאטירליך געפיהרט ווערען אויף די פרינציפען פון דעמאקראטיע. אבער ווען די ערפאהרונג פון די דעמאקראטישע לענדער און פון עלטערע אינסטיטוציאנען האט בעוויזען, אז וואס וויכטיגער עס איז דער אמט אלץ לענגער איז די פעריאדע פון איין עלעקשאן ביז דער צווייטער, ווארום זאלען מיר ניט פרובירען די זעלבע פראקטישע מעטאדע אין אונזער יוניאנס? — אויב ניט, ווארום ניט?

* * *

דעם 11טען יאנואר איז דער אינטערנייעשאנאל אפיס אינפארמירט געווארען, אז אין באסטאן זיינען אויסגעשלאסען געווארען ארום פינף הונדערט ארבייטער. גלייך אויף מארגען, פרייטאג, דעם 12טען איז אונזער פרעזידענט, ברודער ראזענבערג, געפאהרען נאך באסטאן אונטערזוכען די אורזאכען פון דעם לאקאוט, און אויב מעגליך שליכטען דעם טראבעל, און פאלגענדעס האט זיך ארויסגעצייגט: אז די פרעסערס יוניאן, לאקאל 12, האט מיט איינינע וואכען פריהער אויסגעשיקט נאטיסעס צו אלע קלאוק מאנופעקטשורערס אין באסטאן, אז פון דעם ערשטען יאנואר 1912 וועלען זיי פערלאנגען א גלייכען פרייז פאר שטיק- און וואך-ארבייט פאר אלע פרעסערס. דעם 1טען יאנואר ווען די מאנופעקטשורערס האבען דער יוניאן ניט געענטפערט האט די יוניאן ארונטערגענומען אלע פרעסערס פון די שעפער, ניט לאזענדיג וויסען א ווארט אין אינטערנייעשאנאל אפיס, פערלעצענדיג דערביי די קאנסטיטוציאן פון דער אינטערנייעשאנאל, וועלכע שרייבט פאר, אז איידער א לאקאל יוניאן געהט שטעלען אלגעמיינע פארדערונגען, וואו אנדערע לאקאלס דארפען אויך זיין פערוויקעלט, קען עס ניט געטאן ווערען אהן דער צושטימונג פון דער אינטערנייעשאנאל יוניאן.

דער רעזולטאט פון דיעזען סטרייק איז געווען, אז ווען מאנכע מאנופעקטשורערס האבען געוואלט נאכגעבען דער יוניאנ'ס פערלאנג און אנשטעלען פרעסערס, האט די יוניאן ערקלעהרט, אז קיין באס האט ניט דאס רעכט אנצושטעלען אזעלכע פרעסער וועלכע ער וויל, נור ער מוז נעהמען אזעלכע פרעסערס, וועלכע די יוניאן שיקט איהם. דערפון האט געפאלגט, דאס די מאנופעקטשורערס האבען אבגעסטאפט אלע אפערייטארס און שניידערס, מיט דער ערקלעהרונג, דאס אזוי שנעל ווי זיי וועלען האבען ארבייט וועלען *זיי נאך זיי שיקען*. פון דעם האט זיך גענומען דער לאק-אוט אויף פיער הונדערט קלאוקמייקערס.

*איינזעהענדיג אז* דורך די אונגערעכטע האנדלונג פון די פרעסערס וועלען פיער-פינף הונדערט קלאוקמייקער דארפען ליידען, און דורך דעם פי-

אגרימענטס אדער פערשטענדניסע מיט באסעס־אסאסיאיישאנס, אדער מיט איינצעלנע באסעס?

(20 וואס איז דער אונטערשיד צווישען אן אסאסיאיישאן פראטאקאל און אן אינדיווידועלען אגרימענט?

* * *

די אויבען־דערמאנטע פראגען האבען פארמיטעלט דעם „באדען“, אויף וועלכען די קאנדידאטען זיינען עקזאמינירט געווארען. די קאמיטעט האבען ניט פרובירט צו בעלעהרנען די קאנדידאטען, נור בלויז זיי צו שטעלען די פראגען, און צו הערען אן ענטפער. און לויט די ענטפערס, צו געבען די קאנדידאטען אן אנערקענונגס־צייכען פון „איי“, „בי“, „סי“. דער, וואס האט ניט געקענט בעקומען דעם צייכען „סי“, דער האט ניט געקענט שטעהן אויפ׳ן בעלאט.

דער שרייבער פון דיזע ציילען מיט די פריינד גראסמאן און ראזען, ביזנעס־מענעדזשער פון דער דזשאינט באארד און סעקרעטער פון די ריפער מייקערס יוניאן, האבען עקזאמינירט די קאנדידאטען פון די לאקאלס 17 און 38. מיר האבען געהאט 14 קאנדידאטען פאר זיבען עמטער, און אונזער ערפאהרונג איז געווען דיזעלבע, וואס די ערפאהרונג פון דער קאמיטע פון דער דזשאינט באארד.

אכט פון יעדע צעהן האבען ניט געוואוסט אויף קהאר די עלעמענטארע פרינציפען פון דער טהעאריע און פראקטיקע פון דער טרייד־יוניאן־בעוועגונג, און פון איהר צוזאמענשטעלונג! אלע קאנדידאטען זיינען שוין געווען א לענגערע צייט אין די יוניאנס, אלע קאנדידאטען זיינען געווען מענשען, וועלכע האבען שוין פאר א לענגערע צייט אנטהייל גענומען אין די טעגליכע ארבייט פון זייער יוניאן.. די מעהרסטע קאנדידאטען האבען געקענט איבערצייגען, אז זיי האבען ביז א געוויסען גראד געליטען פאר דער יוניאן, און בלויז צוויי פון אלע קאנדידאטען זיינען געווען בעקאנט, אז זיי האבען מיט א צייט צוריק געהאט גאכשלעפער־דזשאבס אין די קאפיטאליסטישע פארטייען. מיט דער אויסנאהמע פון צוויי, זיינען אלע קאנדידאטען געווען ראדיקאלע מענשען, און די מעהרסטע פון זיי אויסגעשפראכענע סאציאליסטען און אנארכיסטען, און דאך — יע און דאך — האבען אכט פון יעדע צעהן ניט געוואוסט מעהר וועגען דער טרייד־יוניאן בעוועגונג, ווי נור דאס וואס זייער איינענע לאקאלע יוניאן האט באלד צו טהאן!

„מען דארף זיך ארגאניזירען אום צו האבען מאכט, און מיט מאכט קען מען קריגען קירצערע שטונדען און גרעסערע ווידזשעס“ — אט דיפראזע איז געווען דער אנפאנג און די ענדע פון זייער וויסען!

* * *

דאס טרויערינגסטע ביי דיזע עקזאמינייישאנס איז נאך געווען דאס, וואס די סאציאליסטען־אנארכיסטען, וואס זיינען געשטאנען אלס קאנדידאטען, האבען ניט ארויסגעוויזען קיין האר מעהר וויסען וועגען די פרינציפען און וועגען דער צוזאמענשטעלונג פון דער טרייד יוניאן בעוועגונג, ווי דאס האבען ארויסגעוויזען די קאנדידאטען אהן פרעטענזיעס אויף סאציאליזמוס און אנארכיזמוס.

„וואס פאר א טעגליכע און וועכענטליכע צייטונגען לעזט איהר?“ איז געווען איינע פון די פראגען, וואס מען האט געשטעלט די אידישע קאנדידאטען. אלע האבען געענטפערט, אז זיי לעזען אלע טאג דעם „פארווערטס“. מאנכע האבען דערמאנט, אז זיי לעזען „די פרייע ארבייטער שטימע“, און א פאר קאנדידאטען האבען גענאגט, אז זיי לעזען „אלעס“. און דאך, ווען מען האט בעטראכט זייערע אנטווארטען אויף די פריהער־דערמאנטע פראגען, האט זיך ארויסגעוויזען, אז וועגען דער טרייד יוניאן בעוועגונג האבען זיי פון די צייטונגען גאר נישט געלערנט.

דיעזער פעקט איבערצייגט אונז נאך מעהר ווי פריהער, דאס די איינציגע וועג ווי אזוי מיר *קענען* צווישען די מאסען פערברייטען א בעסערע קענטניס וועגען דער טרייד־יוניאן־בעוועגונג איז צו האבען אן איינענע *טרייד־יוניאן־פרעסע*.

* * *

די עקזאמינייישאן קאמיטע האט געטהאן דאס בעסטע אונטער די אומשטענדען. די קאמיטע האט רעקאמענדירט פיר די עמטער די יעניגע, וואס האבען וועניגסטענס געהאט מעהר ערפאהרונג וואס זייער באלדיגע ארבייט פאדערט, ווען אפילו זייער וויסען וועגן דער טרייד יוניאן בעוועגונג איז ניט געווען אזוי גרויס. די וועמען עס האט געפעהלט ביידע זאכען — וויסען און ערפאהרונג, די האבען בעקומען נידעריגערע צייכענס, און זיי זיינען נערעכטערווייזע דורכגעפאלען ווען די וואהלען זיינען פארגעקומען.

* * *

אין 11 *לאקאלע יוניאנס, מיט א מיטגליעדערשאפט* פון אן ערך 40,000, האבען אנטהייל גענומען אין די וואהלען קנאפע 5,000, טראצדעם וואס די יוניאנס האבען זיך געלאזט קאסטען איינינע טויזענד דאלאר צו אדווערטייזען די וואהלען, צו דרוקען בעלאט־פייפערס אין איינינע שפראכען, צו האבען די וואהלען אין איינינע טעג, און צו האלטען די האלען אפען גאנצע טעג. די וואהלען האבען אויך בעוויעזען אז נאך אלעמען זיינען די מיטגליעדער צופריעדען מיט די בעאמטע, ווייל מיט דער אויסנאהמע פון א פאר זיינען אלע אלטע בעאמטע וויעדער ערוועהלט געווארען.

די וואהלען האבען אויך בעוויזען, אז ווען זיי קומען פאר אלע זעקס מאנאט, ברענגען זיי מעהר שאדען ווי נוצען. זעקס מאנאט איז א פיעל צו קורצע צייט פון איין עלעקשאן ביז דער צווייטער. בעאמטע קענען זיך ניט צופאסען צו זייער ארבייט פאר א צוויי מאנאט, און א צוויי מאנאט פאר די נעקסטע וואהלען טראכט

# אונזער װעלטעל

דורך דעם פערגאנגענעם מאָנאַט זיינען אין אונזערע גרעסערע לאָקאלס פון ניו יאָרק פאַרגעקומען וואהלען פאר בעאמטע. די אינטערעסע איז נאטירליך געווען איבעראל קאָנצענטרירט אין די וואהלען פאר בעצאָהלטע בעאמטע: פאר ביזנעס־איידזשענטס, סעקרעטערים און פאר אָפיס־מענעדזשערס.

ווען מיר זאָלען וועלען אין גאנצען צופריעדענשטעלען אונזערע ווינשע, האָבען מיר די וואהלען פאר בעאמטע געדארפט געבען א ברייטע בעשרייבונג, נור ליידער ערשיינט דער „גאַרמענט וואָרקער" איין מאָל אין מאָנאַט און ניט אַלע וואָך, און א סך זאכען, וואָס דארפען פון א טרייד־יוניאָן צייטשריפט בעשריבען ווערען, בלייבען ניט דערמאָנט. און א סך זאכען, וואָס האָבען געדארפט אָן ארטיקעל פאר זיך, בעקומען בלויז א קורצען נאָטיץ.

* * *

אָן ערך פון 50 קאנדידאטען זיינען אויף דעם אמעריקאנער לשון „געלאָפען" פאר ביזנעס־איידזשענטס, וועלכע די ניו יאָרק דזשאָינט־באָארד פון דער קלאָוק־טרייד האָט געדארפט. א ספּעציעלע קאָמיטע איז אויסגעקליבען געוואָרען, וועלכע זאָל עקזאמינירען די קאנדידאטען, אויסצוגעפינען אויב די קאנדידאטען פערשטעהען די ארבייט, וועלכע זיי וועט אויסקומען צו טהאָן, און אויך צו די קאנדידאטען פערשטעהען די עלעמענטארע פּרינציפּען און די פערבינדונגספאָרמע פון דער ארבייטער־בעוועגונג.

אין דער עקזאמינײשאָן־קאָמיטע זיינען צווישען אנדערע אויך געווען אונזער פּרעזידענט ראָזענבערג, סעקרעטע דייש, מאיר לאָנדאָן, ב. שלעזינגער, מאנכע סעקרעטערע פון לאָקאלע יוניאָנס און איינינע מיטגליעדער פון דער דזשאָינט־באָארד.

די פראגען, וואָס מען האָט די קאנדידאטען געשטעלט, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס ניט נור יעדער יוניאָן־בעאמטער דארף וויסען, נור וואָס יעדער יוניאָן־מאַן דארף וויסען. דאָך האָט זיך ארויסגעוויזען, אז די מעהרסטע קאנדידאטען האָבען ליידער ניט געוואוסט גענוג צו געבען אָן אינטעליגענטען ענטפער אויף די מעהרסטע פראגען, וועלכע מען האָט צו זיי געשטעלט. •

* * *

צווישען די פראגען, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרען צו די קאנדידאטען זיינען געווען די פאָלגענדע:

1) וואָס איז די אויפגאבע פון א טרייד־יוניאָן?

2) וואָס זיינען די פפליכטען פון א מעמבער?

3) ווארום איז די קלאָוקמייקערס יוניאָן אָנגעשלאָסען אָן דער אינטערנײשאָנאל לידיעס גארמענט וואָרקערס יוניאָן?

4) וואָס זיינען די אויפגאבען פון אָן אינטערנײשאָנאל, און וואָס טהוט אונזער אייגענע אינטערנײשאָנאל יוניאָן?

5) ווארום זיינען די אינטערנײשאָנאל יוניאָנס אָנגעשלאָסען אָן דער אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר?

6) וואָס איז די ארבייט פון א סענטראל (סיטי) לייבאָר יוניאָן, אָדער סענטראל לייבאָר פעדערײשאָן?

7) וואָס איז די ארבייט פון א סטייט־פעדערײשאָן אָוו לייבאָר?

8) וואָס איז די ארבייט פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר?

9) וואָס פאר געשעפטען ווערט פערהאנדעלט ביי די קאָנווענשאָנס פון דער אמעריקאן פעדרײשאָן אָוו לייבאָר?

10) וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען אָן אָפּען שאָפּ, א יוניאָן שאָפּ, א קלאָוזד שאָפּ, און א פּרעפערענשיאל יוניאָן־שאָפּ?

11) וואָס בערעכטיגט א יוניאָן צו האָבען הויכע איינשרייב־געלד?

12) וואָס איז א טרייד־יוניאָן, אָן עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע אָרגאניזאציאָן?

13) וואָס זיינען ארבייטער־שוץ־געזעצע, עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע רעפאָרמען?

14) דארף א יוניאָן אנטהייל נעהמען אין פּאָליטיק?

15) וואָס זיינען די אונטערשיעדע צווישען טרייד יוניאָניזמוס און סאָציאַליזמוס?

16) וואָס זיינען די אונטערשיעדע צווישען טרייד יוניאָנס און אינדאָסטריעל יוניאָנס?

17) איז עס מעהר פּראקטיש פאר א יוניאָן צו זיין אָרגאניזירט לויט טרייד, אָדער לויט אינדוסטריע?

18) וואָס זיינען די פפליכטען פון א ביזנעס־איידזשענט?

19) וואָס איז מעהר פּראקטיש, צו האָבען

---

לאנד. אָבער איידער מיר וועלען איבערגעהן צו דעם, וועלען מיר נאָך מוזען א קוק טהאָן אויף דער געשיכטע פון נאָך אָן אנדערען עלעמענט אין דער ארבייטער־בעוועגונג אין ענגלאנד, נעמליך, פון די געלערענטע בעלי־מלאכות מיט זייערע מיטעל־אַלטערליכע אָרגאניזאציאָנען — די צונפטען (גילדעס) — און זעהען, וואָס פאר א וואָפען און וואָס פאר א פּאַרבערייטונג זיי האָבען געבראכט מיט זיך אין די קאפּיטאליסטישע סיסטעם.

פאַר ארבייטער, ווען מען האָט זיי שטאַרק געדאַרפט האָבן, און די פּעריאָגטע, האַלב־ווילדע, פערהונגערטע, אונגליקליכע נשמות זיינען געווען גראָדע דער פּאַסענדער מאַטעריאַל, פון וועלכען מען האָט יעצט געקענט פאָרמירען א געהאָרכזאַמען פּראָלעטאַריאַט.

די גזרות, וואָס דער ציוויליזירטער קריסט־ליכער ענגלישער פּאַרלאַמענט הויבט יעצט אָן ארויסצולאָזען אום דיעזע לייטע צו צווינגען צו ווערען לוין־שקלאַפען, שטייגען איבער אין זייער גרויזאַמקייט די גרעסטע אכזריות פון די ווילדע מערקען, און קיין בעסערען בעגריף פון זיי קען איך ניט געבען דעם לעזער, ווי איבערזעצענדיג א פּאָר פון זיי, אַלס איללוסטראַציאָן.

געזעץ פון 1530: *אַלטע בעטלער קריגען* לייסענס, אָבער געזונטע בעטלער זאָל מען אַלס שטראָף „צובינדען צו א וואָגען און שמייסען ביז דאָס בלוט וועט רינען פון זייערע קערפּערס" און דאַן אָפּשיקען זיי צו זייער געבורטס־אָרט און „זעצען זיי צו דער ארבייט".

אויב ער אַנטלויפט און מען כאַפּט איהם, איז מען איהם מכבד מיט נאָך א פּאָרציאָן שמיץ און *מען האַקט איהם אָפּ א האַלבען אויער*; און ווען מען כאַפּט איהם ביי דעמזעלבען „פערברעכען" א דריטען מאָל, פער'משפּט מען איהם צום טוידט אַלס א פּיינד פון דער געזעלשאַפט.

א גזרה פון 1547 זאָגט בפרוש, דאָס ווען אימיצער ענטזאָגט זיך צו ארבייטען, זאָל ער ווערען פערשקלאַפּט צו דעם יעניגען, ווער עס לאָזט דאָס ווענען איהם ווייסען. דער בעל־הבית האָט דאַן דאָס רעכט צו שפּייזען איהם מיט ברויט און וואַסער און אַזאַ פלייש, וועלכע ער דענקט, אז ער דאַרף עס סיי ווי סיי ארויסוואַרפען. ער האָט דאָס רעכט צו צווינגען איהם צו טהאָן יעדען סאָרט ארבייט, ווי עקעלהאַפט זי זאָל ניט זיין און האַלטען איהם אין קייטען. אויב ער וואַרפט אוועק די ארבייט און קומט אין 2 וואָכען צוריק, ווערט ער פערשקלאַפּט אויף אייביג און די בוכשטאַב (שקלאַף S.) ווערט איהם איינגעברענט אויף דעם שטערן. אויב ער אַנטלויפט דריי מאָל נאָכאַנאַנד, משפּט מען איהם צום טוידט אַלס א פערברעכער. אויב א טרעמפּ (בראָדיאַגאַ) וואַנדערט ארום דריי טעג אָהן ארבייט, זאָל מען איהם נעהמען צו זיין געבורטס־אָרט, איינברענען מיט א גליהענדען בוכשטאַב (טרעמפּ — T.) אויף דער ברוסט און זעצען איהם צו דער ארבייט אין קייטען. יעדער איינער האָט דאָס רעכט אוועקצונעהמען די קינדער ביי דיעזע טרעמפּס און האַלטען זיי אַלס לעהר־אינגלעך ביי א מלאכה, ביז זיי ווערען 24 יאָהר אַלט; אויב זיי פּרובירען צו אַנטלויפען, זאָלען זיי ווערען פערשקלאַפּט ביז דעם אַלטער פון 24 יאָהר און פערשמידט אין קייטען. יעדער בעל־הבית האָט דאָס רעכט אָנצוטהאָן אַן אייזערנעם רינג אויף דעם האַלז, אָדער די הענד און פיס פון זיין שקלאַף, אום צו קענען איהם בעסער דערקענען.

א שפּעטערע גזרה ערקלעהרט יעדען טרעמפּ, וואָס בעטעלט, אַלס א פערברעכער און גיט דעם ריכטער דאָס רעכט צו פערשפּאַרען זיי אין געפענגנים און שמייסען ביז דאָס בלוט אַזוי אָפּט ווי *עס געלוסט זיך איהם*. *איינגעשפּאַרטע* טרעמפּס זאָל מען איינברענען א בוכשטאַב אויף דעם אַקסעל און זעצען צו דער שווערסטער ארבייט; און אויב זיי פּרובירען צו אַנטלויפען, זאָל מען זיי פער־משפּט'ען צום טוידט אָהן רחמנות.

איך וואָלט געקאָנט דאָ ברענגען נאָך פיעלע אַנדערע גזרות פון דעם זעלבען אַרט, וואָס זייער צוועק איז געווען, צו צווינגען די מאַסען צו געהן זיך אָנדינגען אַלס לוין־שקלאַפען, נאָר דער מאַנגעל פון פּלאַץ פערבאָט עס מיר. ווי שטרענג די געזעצע זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען, קען מען זעהען פון דעם פאַקט, דאָס וועהרענד דער רעגיערונג פון העגריך דעם אַכטען אַליין, האָט מען אויפגעהאַנגען 72,000 טרעמפּס, ניט רעכענדיג אַנדערע „פערברעכער". קאַרל מאַרקס, דערצעהלענדיג פון דיזע מאַסען הריגות, זאָגט: „אַזוי האָט מען זיך גענומען פאַר דעם לאַנדס־פאָלק; מיט געוואַלד אוועקגענומען פון זיי דאָס לאַנד, פערטריבען פון זייער הײם, געמאַכט פון זיי טרעמפּס, און דאַן געשמיסען, געברענט און געמוטשעט מיט זעלטען שרעקליכע גזירות, און פאָרבערייטעט צו דער דיסציפּלין, וואָס איז נייטיג פאַר דער לאָהן־סיסטעם."

דאָ האָבען מיר אַלזאָ אין קורצען נאָכגעזוכט די ענטוויקלונג פון דעם ענגלישען פּראָלעטאַריאַט. מיר זעהען, אז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם מיט איהרע גרויסע פאַבריקען און דאַמפּף־מאַשינען האָט שוין געהאַט פאַר זיך צוגעגרייט א פּאַסענדען מאַטעריאַל אין די פערשמיסענע, דערשלאָגענע, „דיסציפּלינירטע" ארבייטער־מאַסען. מיר וועלען זעהען וואָס פאַר אַן איינפלוס דאָס האָט געהאַט אויף דעם כאַראַקטער פון דער ארבייטער־בעוועגונג אין ענג־

הערצינגע פערטרייבען פון די אָרעמע פויערים איז
זיך פאַרטגעגאַנגען אָהן אַן אויפהער. אַ שרייבער
פון יענער צייט האָט אָנגעוויזען אויף דעם פאַקט,
דאָס וואו עס פלעגט זיך פריהער אויפהאַלטען
מעהר ווי 60 מענשען פון אַקערבוי, האָט מען
יעצט בעשעפטיגט נור איינעם צו פאַשען די
שעפסען.

די טויזענדער פויערים און לאַנד־אַרבייטער,
וואָס זיינען פלוצלינג אַרויסגעוואָרפען געוואָרען
אויף דער הוילער וועלט מיט זייערע ווייבער און
קינדער, זיינען אָבער געזוען אַזוי פרעך, דאָס
אָנשטאָט זיך שטילערהייד אַריינצולעגען אין
זייערע קברים, זעהענדיג דאָס עס בלייבט ניט
פיר זיי קיין פּלאַץ אויף דער וועלט, האָבען זיי
זיך צוזאַמענגענומען אין אַ גרויסער מאַסע אונ־
טער דער לייטונג פון פעהיגע און טאַפּפערע
פיהרער פון זייערע אייגענע רייהען און האָבען
אויפגעהויבען אַזאַ אויפשטאַנד, דאָס דער שרעק־
ליכער פויערען־קריעג בלייבט עד היום הזה איינע
פון די בלוטיגסטע פּאַסירונגען אין דער ענגלי־
שער געשיכטע. האָבענדיג נאָך פריש אין זייער
זכרון די צייט, ווען אַ גרויסע טהייל פון דעם
לאַנד איז נאָך געוועזן דאָס געמיינזאַמע אייגענ־
טהום פון דעם אַרבייטענדען פאָלק, געדענקענדיג
נאָך די גליקליכע, פריעדליכע צייטען, ווען יעדער
וואָס האָט געאַרבייט, האָט גענאָסען פון דעם
לעבען בפה מלא, האָבען זיך די פויערים ניט גע־
קענט אַזוי גרינג נאָכגעבען צו די רויבעריי, ווי
די אַרבייטער פון אונזער צייט טהוען דאָס, וואָס
געדענקען שוין ניט און ווייסען אפילו ניט פון אַזאַ
צייט און מיינען דאָס עס זיינען אימער געוועזן
רייכע און אָרעמע... אין זיין רעדע צום פאָלק
האָט דער פיהרער פון די פויערים, ראָבערט קעט,
אַזוי זיך אויסגעשפּראָכען, נאָכדעם ווי ער האָט
געשילדערט די שרעקליכע לאַגע, צו וועלכע דאָס
פאָלק איז געקומען: „מיר קענען ניט לענגער
ליידען אונרעכט, וואָס איז אַזוי גרויס און אונ־
באַרמהערציג; מיר קענען מעהר ניט קוקען רוהיג
אויף דער פרעכהייט פון די אדעליגע און די
פריצים. מיר וועלען זיך בעסער נעהמען פיר דעם
געוועהר און מישען הימעל און ערד צוזאַמען,
איידער זיך אונטערגעבען צו אַזאַ שינדעריי....
מיר וועלען אַרונטעררייסען די צאַמען... און פריי
לאָזען דאָס געמיינזאַמע לאַנד... מיר ווילען האָ־
בען פרייהייט און דאָס רעכט צו געניסען פון די
געשענקע פון דער נאַטור אַזוי גוט ווי אונזערע
זאָגענאַנטע פני (סופּיריאָרס)..." אַזוי האָט גע־
רעדט קעט, און אַזוי האָט געפיהלט דער ענגלי־
שער פויער אין יאָהר *1549* צו דער צייט פון דעם
פויערען־אויפשטאַנד.

נאָר ווי מיר האָבען פריהער געזאָגט, זיינען
די אדעליגע געוועזן די בעוואָפענטע מאַכט אין
דעם לאַנד, און דאַרום האָט זיי געלונגען צו דער־
שטיקען דעם אויפשטאַנד. קעט'ן און זיין ברודער
האָט מען געפאַנגען און אויפגעהאַנגען. די לאַגע
פון דעם פאָלק איז געוואָרען נאָך ביטערער. צו־
טריבען און צוואָרפען, אָהן אַן אָרט וואו צו־
צושפּאַרען דעם קאָפּ אָדער לאַנד צו אַרבייטען,
האָבען זיי זיך טויזענדערווייז צושפּרייט איבער
די דיקע וועלדער און גרויסע וועגען און זיך
גענומען צום בעטלען און צום רויבען אַלס אַ
פּרנסה. ענגלאַנד איז פול געוואָרען מיט גזלנים
און האַנדעל איז געוואָרען די געפעהרליכסטע
בעשעפטיגונג. די רייזע־בעשרייבונגען פון יענער
צייט זיינען פול מיט קלאַגען אויף די שרעקליכע
מערדערייען און מהומות, וואָס ערוואַרטען יע־
דען, וואָס לאָזט זיך פאָהרען איבער'ן לאַנד.

די רעגיערונג האָט ענדליך איינגעזעהן די
נויטיגקייט צו טרייבען אַרבייטען דעם „געזעצ־
לאָזען עלעמענט", ערשטענס דערפאַר וואָס עס
איז ווירקליך געוואָרען אונמעגליך פיר פריעד־
ליכע איינוואוינער צו ציינען די נאָז אויסער־
האַלב די שטאָדט, און צווייטענס ווייל די וואַק־
סענדע אינדוסטריע אין די שטעדט, — די אינ־
דוסטריע וואָס האָט אָנגעהויבען זיך צו ענטוויק־
לען דורך דעם, וואָס ענגלאַנד איז געוואָרען אַלץ
אַ גרעסערע וועלט־האַנדעלס־מאַכט, — דיעזע
אינדוסטריע האָט געברויכט יעצט אַלץ מעהר
און מעהר „הענד" וואָס זאָלען זיך לאָזען עקס־
פּלואַטירען ביליגער ווי די געלערנטע בעלי־
מלאכות...

ווי שטאַרק מען האָט זיך גענויטיגט אין
ביליגערע „הענד" און ווי שווער עס איז געוועזן
וואָס עס איז אויסצופיהרען מיט די אָרגאַניזיר־
טע בעלי־מלאכות, קען מען זעהן פון די גזרות,
וואָס די רעגיערונג איז געוועזן געצוואונגען
אַרויסצולאָזען, אום צו העלפען די אָרעמע בעלי־
בתים גענען די פרעכע אַרבייטער. אין דעם
14טען יאָהרהונדערט ווערען דורכגעפיהרט עט־
ליכע געזעצע, וועלכע פערבאָטען דעם אַרביי־
טער צו נעהמען און דעם בעל־הבית צו צאָהלען
מעהר ווי אַ געוויסען בעשטימטען לוין. אַ גע־
זעץ פון יאָהר 1360 גיט דעם בעל־הבית דאָס
רעכט צו צווינגען דעם אַרבייטער מיט שלעג צו
אַרבייטען פיר דעם „געזעצליכען" לוין. דאָך האָ־
בען שלעג ניט געקענט פערנעהמען דעם פּלאַץ

און אזן אזעלכע איז דער קאפיטאליזמוס אויס קאפעטיש־מאכער.

אבער אין אנפאנג פון דעם 16טען יאהרהונדערט קומט פאר אן אומענדערונג וואס האט ניט נאר קאפויר געשטעלט די פערהעלטניסע צווישען דעם פויער און דעם פריץ, נאר האט אויך געמאכט אזא טיעפען און שטארקען איינדרוק אויף די עקאנאמישע סיסטעם פון ענגלאנד, דאס זי האט בעאיינפלוסט די ריכטונג פון איהר גאנצע ווירטהשאפטליכע ענטוויקלונג און געלעגט דעם פונדאמענט צו די בעשאפונג פון ביליגע „הענד" פיר א קאפיטאליזמוס — ד. ה. צו בעשאפען דעם פ ר א ל ע ט א ר י א ט. דאס איז נעמליך געווען די איינפיהרונג פון שאף־צוכט (שעפסען־האדעווען אויף וואל).

די ענטדעקונג פון אמעריקא, די ענטדעקונג פון נייע וועגען נאך אינדיען און אנדערע ווייטע לענדער פון אזיען, דאס שטרעבען פון די פערשידענע אייראפעאישע רעגיערונגען צו פערכאפען די גרויסע שטרעקען לאנד אין אמעריקא, וואס מען האט געגלויבט, אז זיי זיינען פול מיט גאלד און זילבער, די ענטוויקלונג פון האנדעל מיט די ווייטע לענדער און צווישען די אייראפעאישע פעלקער גופא, דאס אלעס האט געגעבען דער פראדוקציאן א נייעם אנשטויס און האט געפיהרט צו א נייע נאכפראגע אויף סחורה אויף דעם וועלט־מארק. האלאנד, דאס גרעסטע און רייכסטע האנדעלס־לאנד צו יענער צייט, וואס פלעגט פריהער ארויספיהרען מעהר קארן און אנדערע לאנד־פראדוקטען ווי ענגלאנד, האט יעצט אנגעפאנגען צו ברויכען מעהר וואל פיר איהרע מאנופאקטורען. די גרויסע נאכפראגע נאך וואל צוזאמען מיט דעם איינפוהר פון זעהר פיעל גאלד און זילבער, וואס מען האט יעצט אנגעפאנגען צו ברענגען פון אמעריקא האט געפיהרט צו אזא שטייגונג פון פרייזען, דאס עס האט זיך געלוינט יעצט דעם ענגלישען פריץ בעסער צו פערוואנדלען זיין לאנד אין איין גרויסע פאשע פיר שעפסען, איידער צו פערזעען עס מיט קארן. דאס האט איהם געבראכט גרויסע פראפיטען אין צווייערליי ארטען. ערשטענס, האט ער געקראגען מעהר פיר דער וואל וואס ער האט אבגעשוירען פון די שעפסען ווי ער פלעגט פריהער קריגען פיר זיין תבואה. צווייטענס, האט ער געברויכט פיעל ווענינער ארבייטער אום צו פאשען די שעפסען, ווי ער פלעגט ברויכען ביים אקערבוי.

דערפאר האט עס אבער געבראכט גרויסע צרות דעם ארבייטער. פריהער האט דער פריץ ג ע ז ו כ ט דעם ארבייטער, יעצט האט ער זיך געוואלט פון איהם א ב ט ש ע פ ע ן. טויזענדער לאנד־ארבייטער ווערען יעצט ארויסגעיאגט פון זייערע הייזער, וועלכע ווערען באלד צושטערט אדער פערברענט. דאס אקער־לאנד ווערט פערלאזען און פערוואנדעלט אין פאשע. אנשטאט דעם ארבייטער, הויבט דער שעפס אן צו לעבען פון דעם לאנד...

דאס איז אבער נאך ניט גענוג געווען פיר די פעאדאלען. אזוי ווי די שאף־צוכט פאדערט ניט וואס מעהר מענשען, נאר וואס מעהר לאנד, האבען זיי אנגעפאנגען צו פערכאפען און פערצאמען גרויסע שטרעקען פון דעם געמיינזאמען לאנד, וואס האט געדיענט ביז יעצט אלס פאשע פיר די בהמות פון די פויערים. אלע פראטעסטען פון די פויערים געגען אזא פרעכע האנדלונג און איינפאכע רויבעריי פון די לענדער, וואס זיי האבען דורות־לאנג געברויכט אלס געמיינשאפטליכעס אייגענטהום, האבען נאר ניט געהאלפען. די פעאדאלען פון יענער צייט זיינען געווען די איינציגע *בעוואפענטע מאכט אין דעם לאנד*, און האבען זיך ווייניג געקימערט וועגען די קלאגען פון די פויערים. וואס ווייטער, דאס מעהר לאנד האבען זיי פערכאפט אין זייערע אייגענע הענד, ניט אבשטעלענדיג זיך פאר'ן ארויסטרייבען, ניט נאר די לאנד־ארבייטער, נאר אפילו די פויערים פון זייער אייגענעם לאנד און פאר'ן פערברענען זייערע הייזער. טויזענדער און טויזענדער פון מענשען זיינען אזוי ארויסגעווארפען געווארען פון זייערע הייזער און געלאזען „פריי" אויף אלע פיער עקען.

די זאך איז געווארען אזוי ערנסט, דאס די רעגיערונג אליין, וואס האט אייגענטליך זיך אימער מעהר געקימערט פיר די אינטערעסען פון די אדעלינע, האט זיך יעצט געמוזט אריינמישען, ווייל זי האט געזעהן, אז ווען עס וועט נאך לענגער־אזוי דויערען, וועט זי בלייבען אהן שטייערן. אין 1533 איז ארויסגעגעבען געווארען א געזעץ, אין וועלכען עס ווערט אנגעוויזען אויף די שרעקליכע ארעמקייט און נויט, וואס די נייע איינפיהרונג פון די אדעלינע האט מיטגעבראכט, און עס ווערט פערבאטען יעדען לאנד־איינענטהימער צו האלטען מעהר ווי 2,000 שעפסען אויף זיין לאנד. אבער דער געזעץ האט געהאט ניט *מעהר ווירקונג ווי די גזרה פון 1463*, וואס האט געוואלט פערבאטען די לאנד־ארבייטער צו טראגען גוטע בגדים. דאס אנזאמלען פון לאנד אין די הענד פון די אדעלינע, און דאס אונבארמ־

בעשטימטע מאס פון פראדוקטען, און דערמיט האט זיך געענדיגט זייער פפליכט צו זייערע אויבערהארען. דערצו איז דער פעאדאל געווען פעראינטערעסירט צו האבען אזוי פיעל פויערים אויף זיין לאנד ווי מעגליך, ווייל וואס מעהר פויערים עס האבען בעאקערט דאס לאנד, דאס מעהר איינקינפטע האט ער געקראגען.

אחוץ דעם האט יעדער דארף געהאט א גרויס שטיק לאנד, וואס האט געהייסען „די קאמאנס", ד. ה. דאס געמיינזאמע לאנד, וואס האט ניט געטארט בעלאנגען צו קיין איינציגען בעזונדער, נור איז בענוצט געווארען פון אלע פויערים אלס פאשע פיר זייערע בהמות און אנדערע עהנליכע צוועקען. אפילו די לאנד־ארבייטער האבען געלעבט אין וואוילטאג, ווייל יעדער פון זיי האט געוואוינט אין זיין אייגענעם הויז און האט פערמאגט עטליכע אקער לאנד, גענוג גרויס צו בעפריעדיגען די נויטווענדיגסטע בעדירפניסע פון זיין פאמיליע. חוץ דעם האט ער אויך געהאט דאס רעכט צו פאשען זיינע בהמות און נעהמען זיין הייצונג פון דעם געמיינזאמען לאנד. אונטער אזעלכע אומשטענדען איז עס שווער געווען פיר דעם פעאדאל צו קריגען אן ארבייטער פיר א קליינעם לוין, און דערפאר געפינען מיר דאס ענגלישע פאלק צו יענער צייט אזוי פריי, אונאבהענגיג, שטאלץ און געזונד, ווי עס איז קיינמאל נאכדעם ניט געווען. אלע היסטאריקער און רייזענדער, וואס האבען בעזוכט ענגלאנד צו יענער צייט, האבען זיך ניט געקענט גענוג אבוואונדערען איבער דעם מערקווירדיגען צושטאנד, ווען זיי האבען איהם פערגליכען מיט דער לאגע פון די פויערים אין אנדערע לענדער פון אייראפא.

בעזיצענדיג זייער אייגען לאנד און אלע מיטלען פון פראדוקציאן, ניט דארפענדיג אנקומען צו אנדערע אום צו האבען א מעגליכקייט צו ארבייטען, האבען די פויערים גענאסען די פולע פריכטע פון זייער ארבייט, און ווען דער פריץ האט זיך גענויטיגט אין זייער ארבייט, איז ער אנגעקומען צו זיי און האט געמוזט צאהלען גענוג, אום זיי צו געבען חשק צו ארבייטען אויף איהם. צו קריגען ארבייט דאן האט ניט געהייסען צו קריגען א טובה, ווי עס הייסט יעצט, עס האט ניכער געהייסען צו טהאן יענעם א טובה.

איינער פון די גרעסטע דיכטער פון יענער צייט בעשרייבט אזוי דעם ענגלישען פויער'ס לעבען: „זיי טרינקען קיין וואסער ניט סיידען אין געוויסע פאלען... זיי עסען א סך פערשיעדענע סארטען פלייש און פיש; קליידען זיך נאר אין גוטע וואל; זייערע מאטראצען און די מעבעל אין הויז זיינען אנגעפילט מיט וואל און דאס אלעס מיט א ברייטער האנד. זיי האבען אלערליי געשיר און נויטיגע געצייג צום אקערבוי"... א. ז. וו.

דאס זעלבע קען מען זאגען פון דער לאגע פון די בעלי־מלאכות, וואס האבען געוואוינט אין די קליינע שטעדט אדער ביי די שלעסער פון די פריצים, ווייל וואס פיר א מענש וואלט געגאנגען לערנען זיך א מלאכה, ווען זי וואלט זיך ניט בעצאהלט ווענינגסטענס אזוי גוט ווי אקערבוי, וואס פאדערט ניט אזוי פיעל יאהרען לעהרע? יעדער בעל־מלאכה האט געארבייט פיר זיינע שכנים מיט זיינע אייגענע געצייג און האט אויך אלזא ניט געהאט ווער עס זאל אוועקראבעווען די פרוכט פון זיין הארעוואניע.

ווי שטארק דאס האט אלעם געערגערט די פריווילעגירטע קלאסען, וואס קימערען זיך אימער וועגען דעם ארבייטער'ס טובה, קען מען זעהן פון דער גאנצער רייהע פון ספעציעלע געזעצע, וועלכע זיי האבען דעמאלט דורכגעפיהרט אין דעם ענגלישען פארלאמענט צו „רעגולירען" דאס לעבען פון דעם פראסטען פאלק אין אלע איינצעלהייטען, זיי זאלען חלילה ניט קומען צו זינד דורך צופיעל וואוילטאג. צום ביישפיעל א געזעץ פון יאהר 1463 פערבאט די לאנד־ארבייטער צו ניצען טוך פאר זייערע קליידער וואס קאסט מעהר ווי 2 שילינג א יארד, אדער זאקען, וואס קאסטען מעהר ווי 14 פענס א פאר, דאס ווייב האט ניט געטארט אויסגעבען מעהר ווי א שילינג אויף איהר הויב (טשיפעק). נאטירליך זיינען אזעלכע געזעצע געבליבען טויטע בוכשטאבען אויף דעם פאפיר, ווייל אזוי לאנג ווי דער ארבייטער האט פערמאגט זיינע אייגענע געצייג און האט זיך געקענט לייכט בעגעהן אהן די הילף פון די גרויסע לייט, האט מען איהם ניט געקענט צווינגען צו געהן ארבייטען פיר ביליגער ווי עס האט זיך איהם געלוינט, — וואס די געזעצע זאלען ניט זאגען וועגען זיינע אויסגאבען.

אין אזא לאגע האט זיך געפונען דאס ענגלישע פאלק אזוי לאנג ווי די עקאנאמישע אומשטענדען זיינען געבליבען אונפערענדערט. מיט אזעלכע מענשען וואלט דער קאפיטאליזמוס קיינמאל ניט געקענט בויען זיין מאכט. ער וואלט ניט געהאט קיין פראלעטאריאט, ד. ה. די מאסע ארבייטער, וואס קענען זיך ניט אנדערש העלפען, סיידען זיך צו פערקויפען פאר לוין־שקלאפען.

# די ענטוויקלונג פון דעם ארבייטער קלאַס*)

פון נ. סטאָון

פיר יעדען ארבייטער, פיר יעדען סאָציא־ליסט, וואָס אינטערעסירט זיך מיט סאָציאלע פראגען, האָט די ענגלישע ארבייטער בעוועגונג א בעזאָנדערע בעדייטונג. ניט אומזיסט האָט קארל מארקס געגרינדעט זיינע וויכטיגסטע עקאָ־נאָמישע טהעאָריען אויף די בעאָבאכטונגען, וואָס ער האָט געמאכט איבער דעם ענגלישען סאָ־ציאלען לעבען. ענגלאנד איז געוועזען דאָס ערשטע לאנד, וואו דער קאפּיטאליזמוס, ווי מיר פער־שטעהען און פיהלען איהם יעצט, מיט אלע זיינע גוטע און שלעכטע ווירקונגען, האָט אָנגעהויבען צו בליהען. ענגלאנד איז געוועזען דאָס לאנד, וואָס האָט געצייגט דער מאָדערנער וועלט דעם ביישפּיעל פון פּאָליטישער פרייהייט פיר די פּרי־ווילעגירטע קלאסען, פערבונדען מיט דער נייער פאָרמע פון שקלאווערײ, וועלכע איז יעצט אלע ארבייטער אזוי גוט בעקאנט אונטער דעם פער־מאסקירטען נאָמען פון לוין־ארבייט.

די ענגלישע בורזשואזיע האָט געוואוסט ווי צו קריגען א דעה אין דער רעגירונג פון איהר לאנד מיט הונדערט יאָהר פריהער, ווי די פראנ־צויזישע האָט זיך געקענט וואגען דערויף. נאָר וועהרענד די פראנצויזישע בורזשואזיע האָט דאָס געטהאָן אין נאָמען פון דער מענשהייט, און צו א געוויסען גראד האָט זי דאָס ערנסט געמיינט, און האָט ערקלעהרט קריעג געגען נאָט און קעניג אין נאָמען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידער־ליכקייט, האָט די ענגלישע בורזשואזיע אָבגע־האקט דעם קאָפּ איהר קעניג מיט דער שווערד אין איין האנד און דעם חומש אין דער אנדע־רער... און עס איז גאנץ נאטירליך. די ענגלישע בורזשואזיע האָט ניט געקענט זיין אזוי נאאיוו ווי די פראנצויזישע, כאָטש זי האָט זיך צוקריעגט מיט איהר קעניג און אריסטאָקראַטיע. כאָטש זי האָט נאָך גיט געהאט קיין פאָלקאָמענע פּאָליטי־שע מאכט, האָט זי אָבער געהאט גענוג ערפאה־רונג אין אונטערדריקונגען פון דעם ארבייטער פאָלק אין די פערגאנגענע פאָר יאָהרהונדערט, און האָט גוט פערשטאנען דעם אונטערשיעד צווישען איהרע אינטערעסען און די אינטערעסען פון דעם „פּראָסטען" פאָלק... די בורזשואזיען פון אנדערע לענדער האָבען ערשט שפּעטער געלע־רענט פון איהר.

אחוץ אלעמען האָט די ענגלישע בעוועגונג א בעזאָנדערע אינטערעסע פאר אונז, וואָס וואוי־נען אין אמעריקא, ווייל די אמעריקאנער ארביי־טער בעוועגונג איז אין א זעהר גרויסען גראד בעאיינפלוסט געוואָרען פון דער ענגלישער בע־וועגונג און האָט פון איהר איבערגענומען די הויפּט־מעטאָדען פון דעם עקאָנאָמישען קאמפּף.

נאָר, אום בעסער צו פערשטעהן דעם כאראַק־טער פון דער ענגלישער ארבייטער בעוועגונג, אום צו קענען זיך ערקלערען די אורזאכען פון דעם אונטערשיעד צווישען דער בעוועגונג דאָרט און אין אנדערע לענדער, מוזען מיר ווארפען א בליק אויף דער געשיכטע פון ענגלאנד מיט א פּאָר יאָהרהונדערט צוריק, און אזוי וויים ווי זי האָט געווירקט אויף די עקאָנאָמישע אומשטענ־דען פון לאנד און אָנגעריהרט די לאגע פון דעם ארבייטענדען פאָלק.

* * *

ביים ענדע פון דעם 14טען יאָהרהונדערט, ווען ענגלאנד איז נאָך געווען הויפּטזעכליך א לאנד פון אקערבוי, און קנעכטשאפט איז שוין געווען כמעט פאָלקאָמען אָבגעשאפט, האָט זיך דאָס פאָלק געפונען אין אזא גלענצענדע לאגע, דאָס פיעלע היסטאָריקער רופען דיעזע צייט און די פאָלגענדע אונגעפעהר 150 יאָהר — די גאָל־דענע צייט פון דעם ענגלישען פאָלק. די פויערים האָבען בעזעסען זייער אייגען לאנד, האָבען פער־זעט זייער אייגענעם קאָרן, געשפּונען זייער איי־גענע וואָל, געוועבט זייערע אייגענע לייוועגט און טוך, און האָבען זעלבסט בעשאפען כמעט אלעס וואָס איז נאָר נויטיג געווען צו בעפריעדיגען זייערע בעדערפניסע. נאטירליך, זיי זיינען ניט געווען אין גאנצען בעפרייט פון דער פליכט צו ארבייטען אויף די פעאָדאלען, די גרויסע אדע־ליגע, אָבער דאָס האָט ניט פערנומען פיעל פון זייער צייט, און די מייסטע פון זיי פלעגען אָנ־שטאָט דעם צאָהלען די לאנד־פּריצים א געוויסע

*) מיט דיעזען ארטיקעל פאנגען מיר אן גע־בען א סעריע פון פינף ארטיקלען איבער דער ענט־וויקלונג און ראָלע פון טרייד יוניאָנס אין ענגלאנד, ביז די ענדע פון 19טען יאהרהונדערטס. יעדער אר־טיקעל וועט בעהאנדלען א בעזונדערע פראגע, און קאָן געלעזען ווערען בעזונדער. צוזאמען וועלען די אר־טיקלען געבען דעם לעזער א דייטליכען בילד פון דער טרייד־יוניאָן־בעוועגונג, אין דער קלאסישער לאנד פון קאפּיטאליזמוס. — רעדאקציאָן.

# צו די רייכע

אויס דעם ענגלישען **פון א. ל. װאָלפסאָן.**

.1

װען איהר שלומערט זאַנפט און חלום'ט
אויף די װייכע פעדער־בעטען,
און געקויפטע פרויען־ליעבע
אייך די פעטע באַקען גלעטען;
רוקען שאָטענס זיך מיליאָנען.
אַך! װען איהר װאָלט הערען קאָנען
יענע שוידערהאַפטע ליארמען
פון געפענקנים, פון קאַזאַרמען;
קוקט אַרויס דורך אייער פענסטער
און בעטראַכט אָט די געשפענסטער־
שאָטענס פון דער שװאַרצער נאַכט,
שרעקט אייך! הונגער האָט ערװאַכט.

.2

און עס ציהען די לעגיאָנען
אין די הונדערטע מיליאָנען,
פון פאַבריקען, שעפער, מינען,
קומען יושר זיי געפינען;
ניט מיט ביקסען, ניט מיט שװערדען
קומען אָן די גרויסע הערדען,
מיט כלי־זיין, העק און זעגען,
טרעט דער הונגער זיינע װעגען,
און פערניכטעט שלאָס און פּאַלאַץ,
טראַמפּעלט אַלץ מיט זיינע פיס;
קוקט פערגאַפט אין בעזען װאונדער
איהר, װאָס האָט די מענשען־קינדער
פון דאָס מענשליכע בערויבט;
איהם געשמידט אין קייטען שװערע,
און א ברוט פון איהם געמאַכט;
נון, ער צאָהלט אייך יעצט שכר־לימוד;
שרעקט אייך! הונגער האָט ערװאַכט.

.3

און די ערד װערט װי בעשאָטען
פון א מחנה „סאַן־קילאָטען"*)
װעלכע זיינען מיעד געװאָרען
טראָגענדיג א פּאַראַזיט;
זיי װילען רעכטע זיך ערװערבען,
װילען זייער רייכטהום ערבען,
און די דאַרע, שקלאַפען־הענד
שטעלען לייטערס צו די װענד,
פון פּאַרקעטנע רייכע זאַאלען,
אייער הערשאַפט מוז צופאַלען,
איהר, װאָס לעבט, געניסט און לאַכט,
ציטערט! הונגער האָט ערװאַכט!

.4

דורך די טיעפע, טייפעלס־דעמערונג
אין א פלאַם פון רויטען ליכט,
קומט דער רויטער טייפעל: ראַכע,
רופען צו א קריעגס־געריכט;
עס קומט א מאָרגען — אפשר מאָרגען!
װען דאָס קינד פון נויט און זאָרגען,
װען די האנד פון צער און קומער
װעט אייך װעקען פון א שלומער,
גראַדע דאַן, װען איהר װעט ליעגען
אין די אָרעמס פון דעם שלאָף־נאָט —
און פערװיעגען אין חלומות —
װעט אייך זאַנפט א שטילע נאַכט;
דאַמאָלס װעט א שטים ערשאַלען:
שרעקט אייך! הונגער האָט ערװאַכט.

ניו יאָרק, יאַנואַר, 1912.

*) אָהן הייזען'דיגע.



פלאַכע שיפען, פון וועלכע מען וואַרפט אונזער שמוץ און מיסט אַריין אין ים. א זעהר געפעהרליכע אַרבייט.

By Courtesy of "Everybody's Magazine"

רעפּאַרטירט. עס ווערט קיין אונטערזוכונג ניט געפיהרט. די בעלי בתים זיינען ניט פעראנט־וואָרטליך צו די ארומיגע שטאַטען. א סך מאָל זיינען די ארבייטער נייע און גרינע. מען בעשטעלט זיי אַהן צערעמאָניעס, אַהן זיי אָנ־צייבערגען ווער און וואָס זיי זיינען. מען פער־שפּרעכט זיי אנדערהאַלבען דאָלאַר א טאָג, מען זאָגט זיי אָן ווי אזוי אויפצומאַכען די עפענונג און איז עס זייער ערשטעס מאָל אויף א ברויזענ־דען, שטורעמדיגען ים, קומען זיי זיכער קיינ־מאָל ניט צוריק.

אזוי פּאַסירט דאָס מיט די פרייע ארבייטער פון אמעריקא, מיט די ארבייטער וועלכע זיינען ניט אָרגאַניזירט, וועלכע האָבען ניט קיין יוניאָן וואָס זאָל זיך פאר זיי אָננעהמען, אָדער דאָרט וואו ניט אַלע ארבייטער זיינען אָרגאַניזירט און די יוניאָן איז צו שוואַך פון די בעלי בתים גע־רעכטיגקייט צו ערהאַלטען.

* * *

דאָס דערמאָנט אונז אָן דער מעקנאַמאַרא קיים. לעצטע וואָך האָט פּרעזידענט רייען פון די ברידזש ענד סטראַקטשורעל אייראָן וואָר־קערס יוניאָן ערקלערט אין זייער אָפיציעלען זשורנאַל, אז אין א קורצע צייט זיינען 78 פון זייערע מעמבערס אומגעקומען אין קוויבעק, 28 אין לואיסוויל, ביים צוזאַמענפאַלען פון א בריק, 10 ביי דער ארבייט אין ליקינג ריווער, 12 ביי א בריק און 22 ביי א געביידע אין פּיטסבורג, 11 ביים בויען דעם קאָליסעאום אין שיקאַגאָ, 8 ביי אַן אנדער בריק און א סך אין אנדערע ער־טער, דורכשניטליך איינער יעדע צוויי שטונדען.

היינט וויפיעל ארבייטער ווערען גע'הרג'עט אויף די אייזענבאַהנען, אין די קוילען און אנ־דערע מינעס, און אין די שטאָהל און אייזען פאַבריקען, צוליעב די נאַכלעסיגקייט פון זייערע בעלי בתים? — דאָס זיינען דיינע קרבנות, א גאָט פון קאַפּיטאַל!

בײם בױען הימעל־קראַצער, בריקען, טונעלען און אײזענבאַהנען, פלעגט מען זיך אַמאָל נוהג זײן דאָס װען אַן ארבײטער איז בײ דער ארבײט גע׳הרג׳עט געװאָרען, האָבען די איבריגע ארבײטער אװעקגעלעגט די ארבײט פאַר דעם טאָג, כדי פון דעם שרעק זיך צו ערהאָלען. אָבער דיזע אונגליקס־פעלע צװישען די „בלאָטע װערטה״ ארבײטער האָבען אָנגעהױבען אַזױ עפטערס צו פּאַסירען אַז װען אַזאַ סאָרט ארבײטער פאַלט אַ קרבן, לאָזט מען פאַלען דעם מנהג. פון אײנעם צום אַנדערען, פון אײזענאַרבײטער צו מולאַר געהט איבער דאָס װערטעל: „אָט, פשוט בלאָטע װערטה״, דעם טױטען ראַמט מען אַװעק און די ארבײט געהט װײטער.

װאַהרהאַפטיג, װאונדערבאַר איז אונזער הײנטיגע ציװיליזאַציע. זי איז װי אַ קבר, שעהן אױסגעקאַלכט פון אױסענװעניג, אָבער פון אינװעניג איז זי פול מיט די בײנער פון טױטע מענשען. איהר אױסענװעניגסטער גלאַנץ פערבלענדעט אונזערע אױגען: דאָ לױפט די אײזענבאַהן אַ מײל אַ מינוט אין אַ טונעל אונטער׳ן װאַסער, דאָ דערגרײכט דער הימעלקראַצער מיט זײן סאַמע שפּיץ אין הימעל ארײן. זעהען מיר אָבער די מענשליכע בלוט װאָס דאָס האָט געקאָסט?

מען בױט איצט אַ סטאַנציע אין ניו יאָרק פאַר דער ניו יאָרק סענטראַל אײזענבאַהן, װעט דאָס זײן אײנער פון די גרעסטע װאונדער פון אונזער צײט. שױן זיעבען יאָהר װי מען בױט די סטאַנציע און מען האַלט נאָך אין אײן גראָבען און אױסהױלען. עס װעט נעהמען נאָך עטליכע יאָהר ביז זי װעט פאַרטיג װערען, װעלען דאָרט ארום זײן שעהנע גאַסען און גרױסאַרטיגע געבײדען. די סטאַנציע װעט זײן אונטער דער ערד און װעט װערען געאַרבײט דורך עלעקטרישע מאַשינען. זי װעט ניט אױסזעהן מעהר װי אַ חורבה אין מיטען שטאָדט, װי איצטער. בנוגע צו בעקװעמליכקײט װעט די סטאַנציע ניט האָבען איהר גלײכען אין דער גאַנצער װעלט. מענשען װעלען זיך טראַכטען: די װעלט געהט פאָרט פאָרװערטס. מיר מאַכען פאָרט פּראָגרעס.

אָבער װאָס פאַר אַ פּראָגרעס! דער ראָזינער גרוב דאָרטען איז װי אַ שלאַכט־הױז. זעלטען װען איז אַן אונמענשליכערע ארבײט געטהאָן געװאָרען. דער קאָראָנער װעלכער אונטערזוכט געװיסע אונגליקספעלע און האָט געטאַדעלט די קאָנטראַקטאָרס קאָמפּאַניע פאַר איהר ניט אכטונג געבען אױף מענשליכע לעבענס, האָט ערקלערט אַז די צאָהל פון די גע־הרג׳עטע און געפעהרליך צוקאַליעטשעטע אין דעם ראָזינגען גרוב איז געװען דורכשניטליך — אַ מענש יעדען טאָג. בעטראַכט נאָר װאָס דאָס מײנט! בעטראַכטען דאָס די מאַסען מענשען װעלכע לױפען פאַרבײ אױף יענעם אָרט טאָג־טעגליך? פאַלט זײ גאָר אײן צו דענקען אַז אין מיטען דיזער גרעסטער אַמעריקאַנער שטאָט, אױף אײן אָרט, פערליערט אַ מענש זײן לעבען יעדע 24 שעה, אומזיסט און אומנישט?

* * *

דאָס איז װעגען ארבײטער װעלכע טהוען די שװאַרצע ארבײט, װען מען דאַרף אױסבױען אײנעם פון די װאונדער פון אונזער פײנער ציװיליזאַציע: אַ הימעלקראַצער, אַ בריק, אַ טונעל און דערגלײכען. די אַרבײטער װעלכע ראַמען אָב די שמוץ פון אונזער גרױסע ציװיליזירטע שטעדט זײנען אױך ניט מעהר װי „בלאָטע װערטה״.

די ארבײטער װעלכע װערען בעשעפטיגט אין ארײנװאַרפען אונזער מיסט און שמוץ אין ים ארײן פערליערען אױך זײער לעבען מאַסענװײז און עס ניט ניט אפילו אַ האָהן אַ קרעה נאָך זײ.

געװעהנליך װערט די דאָזיגע ארבײט געטהאָן אין פלאַכע שיפען, אין די ערגסטע װעטערען. די כװאַליעס גיסען זיך פשוט איבער זײ. אפילו די ערגסטע מאַטראָזען װײסען ניט פון אַזאַ סאָרט ארבײט. די גרעסטע געפאַהר פאַר דיזע ארבײטער איז דאַן װען זײ דאַרפען אױסשיטען די שמוץ דורך די עפנונגען. זײ דאַרפען דאַן לױפען איבער שמאָלע, פערשמירטע, גליטשיגע זײט־ברעטער, ניט מעהר װי 12 צאָל די ברײט. די כװאַליעס שלײדערען דאָס שיפעל ארום זײ אַז עס זעהט אױס װי אָט, אָט קײקעלט עס זיך איבער מיט אַלע מענשען. און װען אײנער אָדער עטליכע ארבײטער װערען אין די ברױזענדע כװאַליעס פערשװאונדען — נו, יאַ, פערשטעהט זיך, עס איז געװען אונפערמײדליך. אגב זײנען די ארבײטער געװעהנליך: שװאַרצע, איטאַליענער, אונגאַרן וכדומה — פשוט בלאָטע װערטה.

פאַר צװײ יאָהרען האָט דער געשרײ פון דיעזע פעראונגליקטע ארבײטער דערגרײכט ביז אין קאָנגרעס פון װאַשינגטאָן. מען קען זיך פאָרשטעלען װי פיעל יאָהרען דיעזע מערדערײ איז אָנגעגאַנגען אײדער דער קאָנגרעס האָט זיך איבער דיזע ציװיליזאַציאָנס מאַרטירער דערבאַרעמט און געפּאַסט אַ געזעץ אַז די בעלי בתים מוזען מאַכען אַ שוץ־װענטעל צו דער שמאָלער, גליטשיגער ברעט. נאַטירליך איז די בעלי בתים אַלײן אַזאַ זאַך ניט אײנגעפאַלען. נאָך מעהר, זײ האָבען געשטעלט אַ לאָיער דעם פּראָיעקט צו בעקעמפּפען. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז אַ שוץ־װאַנד איז אַ גאַנץ איבריגע זאַך, װײל די ארבײטער בינדען אַ שטריק ארום זיך, װאָס איז אױך צוגעבונדען צום שיף, און װען זײ פאַלען ארײן אין ים דראַפּען זײ זיך צוריק ארױף אױף דעם שטריק.

ארום דעם ניו יאָרקער האַפען, װאו פיערציג אַזעלכע שיפלעך פיהרען ארױס דעם שמוץ יעדען טאָג, שטעהען דערבײ עטליכע רעגיערונגס־שלעפּ־שיפען און זײ האָבען אַזױ פיעל פון דיזע ארבײטער גערעטעװעט אַז זײ האָבען אַזש פערגעסען די צאָהל. עס איז אונמעגליך צו דערגעהען װיפיעל אַזעלכע ארבײטער עס פערליערען זײער לעבען. עס װערט װעגען דעם ניט



אַרבײטער, װעלכע לאָזען זיך אַראָב מיט אַן אײזערנעם קאַסטען אין װאַסער, װען
מען דאַרף לעגען אַ פונדאַמענט פאַר אַ בריק אָדער אַ געבײדע. —

By Courtesy of "Everybody's Magazine"

— אַ—חוץ— אַזעלכע— װאָס— זײנען— בלאָטע— װערטה? — האָב איך זײנע װערטער מיט ערשטױנען איבערגע'חזר'ט.

— בלאָטע װערטה. װײסט איהר דען ניט װעמען מען מײנט דערמיט? שװאַרצע, איטאַליענער, אונגאַרן. אָט טאַקע די חברה, װעלכע טהוען די שװאַרצע אַרבײט. זײ זײנען אונװיסענד און שפּיעלען קײן ראָלע ניט.

ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַ לײכטען טאָן, אָהן שום ערקלערונגען, װי אײנער רעדט: „דאָס איבעריגע שטױס זיך אָן, מײן פרײנד. זײ זײנען ניעדריגע ברואים, ניט קײן מענשען, ניט פון אונזערע, פערשטעהסטו מיך. ברואים װאָס שװיצען. ניטאָ פון װעמען צו רעדען. מען קען זײ דערשטיקען אונגעצעהלט, אַנדערהאַלבען־דאָלאַרדיגע אַרבײטער, מאַטעריאַל צום דערשיסען, אָט פּשוט בלאָטע װערטה.

איך האָב אָנגעהױבען זוכען און פאָרשען װיפיעל אַזעלכע עס האָבען פערלאָרען זײער לעבען בײ דער אַרבײט פון דיזען טונעל. מאָנאַטען לאַנג האָב איך געזוכט און געפאָרשט און פאָרט ניט דערגאַנגען זײער צאָהל. איך גלױב ניט אַז איך װעל דאָס װען־עס־איז דערגעהען. קײנער האָט אין דעם קײן ידיעה ניט.

אין 1909, מעהר װי אַיאָהר אײדער דער טונעל איז פאַרטיג געװאָרען, האָט אַ לאָקאַלע צײטונג אָבגעדרוקט אַ ניט פאָלשטענדיגע ליסטע פון די גע'הרג'עטע און פערװאונדעטע. די ליסטע האָט פערנומען 4 שפּאַלטען. איך אַלײן בין דערגאַנגען װעגען 25 גע'הרג'עטע, אַזעלכע װאָס זײנען אױסגעגאַנגען אױפ'ן אָרט, אָדער האָבען זיך עטליכע טעג געמאַטערט. די נעמען פון יענע, װעלכע פרײנדע האָבען אָװעקגעטראָגען האַלב־טױטע אָדער צוקאַליעטשעטע, האָט מען גאָר ניט פערעפענטליכט. און די מערקװירדיגסטע זאַך פון דיזער ריעזיגער אונטערנעהמונג, לױט דעם רעפּאָרט פון דער קאָמפּאַני, איז אַז קײן אײנציגער מענש איז דערבײ ניט אומגעקומען!

איך האָב זיך געזעהן מיט דעם פאָרמאַן װאָס אונטער זײן אױפזיכט װערט אױסגעפיהרט די אַרבײט פון צושיסען די שטײן־בערג. איך האָב איהם באַלד ליעב געקראָגען. אַ געזונדער גרױסער אירלענדער, אַ פרעהליכער, מיט צװײ אײזערנע פױסטען. מען האָט מיר דערנאָך דערצעהלט אַז ער איז זעהר אַ פעהיגער, דער בעסטער באַרג־צושיסער אין אַמעריקא, אַז יעדער אײזענבאַהן־קאָנטראַקטאָר אין לאַנד זוכט איהם װי מיט ליכט, װײל ער פערליערט קײן צײט ניט און בײ איהם געהט קײן דינאַמיט ניט אין ניװזעץ.

— װאָס, איהר דער'הרג'עט טאַקע אַמאָל אַ מענשען אױך? — האָב איך געפרעגט.

— מילאַ, װי זאָגט איהר? זײ װערען אַמאָל צו'הרג'עט, װען זײ היטען זיך ניט אױס.

דאָס איז אַלעס װאָס איך האָב פון איהם געקענט אַרױסקריגען.

איך האָב זיך אָבער בעשלאָסען צו דערגעהן מעהר װעגען אַרבײטער װאָס װערען גע'הרג'עט בײ די סאָרטען אַרבײט.

עטליכע מאָנאַטען צוריק, װען מען האָט געהאַלטען אין אױפשטעלען די מוניציפּאַל געבײדע נעבען ברוקלין בריק, האָט דער שטאָלענער סקעלעט דערגרײכט ביז צום דריטען שטאָק, אײדער דער ערשטער אַרבײטער איז גע'הרג'עט געװאָרען. די קאָנטראַקטאָרס האָבען זיך דארויף שטאַרק געװאונדערט, װײל געװעהנליך טרעפט עס בײם אױפשטעלען די ניו יאָרקער הימעל־קראַצער דאָס בײ יעדען שטאָק װערט פערלאָשען דאָס לעבען פון אַן אַרבײטער.

קײנער האַלט דערפון ניט קײן רעכענונג אָדער ציפערען. װען עס װאָלטען גע'הרג'עט געװאָרען צעהן מאָל אַזױ פיעל אַרבײטער װאָלט מען אױך דערפון ניט געװאוסט און קײנער װאָלט זיך ניט בעמיהט דיזע אונגליקען צו פערהיטען. דער פאַקט איז, אַז װען עס טרעפען אַזעלכע סבות, װערען זײ נור בעריכטעט צום „קאָראָנער“ (טױטען־אונטערזוכער) אבער װערען אין ערגעץ ניט רעפּאָרטירט. דאָס איז אפילו אמת בנוגע צו אַרבײטער בכלל, זאָגאַר די דאָזיגע, װעלכע האָבען אָרגאַניזאַציאָנען פאַר זײ צו פאָדערען דין וחשבון.

די אַרבײטער אַלײן װערען צו דעם געװעהנט. זײער האַרץ װערט פערהאַרטעװעט, זײ װערען צום טױדט פון אײנעם פון זײ גאַנץ גלײכגילטיג און עס אַארט זײ מעהר ניט.



זײ זיצען אױף אַ שטאָלענעם באַלקען פון אַ הימעל־קראַצער 500 פוס הױך.

By Courtesy of "Everybody's Magazine"

# דער לײדיעס גאַרמענט װאָרקער

נומער 2 | פעברואַר, 1912 | 3טער יאהרגאַנג




# בלאַטע װערטה

(פריי אוים דעם ענגלישען)

פון א. ראַזבורי.

By Courtesy of
"Everybody's Magazine"
From the article "Just Wops"
By Arno Dosch



— ארבייטער בלאַטע װערטה?! קען דאָס זיין אז מאַנכע ארבייטער זיינען בלאַטע װערטה? ארבייטער אין װעמעס אָדערען עס פליסט װאַרעם מענשליך בלוט, מענשען אין װעמענס נשמות עס איז דאָ א פונק פון דער גאָטהייט, װעמעס האַרץ פערמאָגט געפיהלען פון רחמנות, פאַטערליכע און ברידערליכע ליעבע — קען דאָס זיין אז זיי זיינען ניט מעהר װי בלאַטע װערטה?!

אזוי האָב איך זיך געטראַכט, דערצעהלט דער שרייבער, פאַרבייגעהענדיג דעם נייעם טונעל אונטער דעם האָדסאָן טייך, א קורצע צייט איידער ער איז פערטיג געװאָרען, דער טונעל אין װעלכען מען פליהט איצטער מיט דער באַהן דורך פון ניו דזשוירזי נאָך ניו יאָרק אין 7 ביז 8 מינוטען.

[illegible], װי װאונדערבאַר דאָס אַלעס איז! איך האָב זיך דערמאָנט, אז אין פערלויף פון דער ארבייט האָט מען געמוזט אויפרייסען א באַרג, נעמליך „בערגען היל". איך בין געװאָרען שטאַרק פעראינטערעסירט און בין עקסטרא צוגעפאָהרען צום אינדזשעניערס אָפיס, די ארבייט צו בעװאונדערען.

— און זייט זיך נאָר משער — האָב איך מיט בעגייסטערונג אויסגעשריען — קיין איינציגער ארבייטער ניט גע'הרג'עט געװאָרען.

— װער האָט אייך דאָס געזאָגט? — האָט דער יונגער אינדזשעניער געפרעגט.

— אזוי איז געשריעבען אין דעם רעפּאָרט װאָס דער אגענט פון דער קאָמפּאַניע האָט פונאנדערגעשיקט צו די צייטונגען. דאָס װערט דאָרט גאַנץ דייטליך דערמאָנט.

א ברייטער שמייכעל האָט זיך בעװיעזען אויף דעם אינדזשעניערס ליפּען:

— נו, יאָ, גאַנץ ריכטיג, — האָט ער געענטפערט — עס איז קיינער ניט גע'הרג'עט געװאָרען, א חוץ אזעלכע װאָס זיינען „בלאַטע װערטה".



EXECUTIVE BOARD AND OFFICERS OF THE SKIRT MAKERS' UNION OF ST. LOUIS, MO., LOCAL NO. 18.

פעברואר, 1912.

# דער לײדיעס גארמענט װארקער




## אינהאלטס־פערצײכניס:


בלאטע װערטה — — — — — — — — — — — — — א. ראזבורי
צו די רײכע — — — — — — — — — — — — — א. ל. װאלפסאן
די ענטװיקלונג פון דעם ארבײטער קלאס — — — — — — — — נ. סטאון
אונזער װעלטעל — — — — — — — — — — — — — אן אײגענער
די שילדרען קלאוק און ריפער מײקערס יוניאן — — — — — מ. לײדער
א בריעף מעבר לים — — — — — — — — — — — בען טערנער
די פילאדעלפיער קלאוק מײקערס יוניאן — — — — — — — — ש. עלשטײן
בעריכט פון דער דזשענעראל עקזעקוטיװ באארד מיטינג אין שיקאגא.
נאטיצען איבער פערשיעדענע פראגען. בריעף און בעריכטען פון לאקאלס.


ערשײנט מאנאטליך אין אידיש און ענגליש

ליפשיטץ פרעס, 49-51 לאפאיעט סט., נ. י.